YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv08i22

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 8 Issue 22
May 1926

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 8, Iss. 22)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/311

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 22 | New York, Friday, May 28, 1926 | פרייטאג, 28טער מאי, 1926 | PRICE 3 CENTS

באארד און דירעקטארס פון דער קלאוקמאכער יוניאן דיסקוטירט דעם רעפארט פון גאווערנאר'ס קאמישאן

ספעציעלע קאמיטע באשטימט פון דזשאינט באארד איז ביי דער ארבייט איינצושטעלען די סטרייק־מאשינערי. — קאמישאן'ס רעפארט פארגעלייענט ביים מיטינג פון דזשאינט באארד — פרעזידענט זיגמאן אנוועזענד אויף דעם מיטינג און ענטפערט אויף איינינע פראגען.

פאראכטאגען מיטוואך, פארנאכט, אין דער צייט ווען די גערעכטיגקייט איז שוין באלד געווען אפגעדרוקט, איז ארויס־געגעבען געווארען אין דער עפענטליכקייט דער רעפארט פון גאווערנאר סמיטה'ס ספעציעלער קאמיסיע אין ניו יארקער קלאוק־טרייד. אונז האט עס, נאטירליך, שטארק פארדראסען, אבער עס איז גע־ווען פארפאלען! מיר האבען שוין ניט געקאנט האבען די פריש צאפעלדיגע נייעס. מיר קאנען זיך אבער טרייסטען מיט דעם, דאס די נייעס וועגען דעם רע־פארט איז נאך היינט פונקט אזוי פריש, ווי עס איז געווען פאראכטאגען מיטוואך. ווייל פון פאראכטאגען ביז היינט איז אין דער סיטואציע קיין נייעס ניט פארגעקו־מען. פארלויפיג, איז נאך אלץ אזוי ווי געווען.

אין דער גאנצער פרעסע זיינען גע־מאכט געווארען פארשיידענע קאמענטא־רען וועגען דעם רעפארט. עס זיינען ארויסגעזאגט געווארען פארשיידענע מיי־נונגען. מיר אבער, קאנען קיין שום מיי־נונג ניט ארויסזאגען, ביז וואנען די יו־ניאן, די פיהרערשאפט פון דזשאינט באארד און פון אונזער אינטערנעשאנאל, וועט פאסען א באשטימטע מיינונג, און וועט גרייט זיין צו געבען אן ענטפער אויף דעם רעפארט.

אין דעם מאמענט איז די פיהרער־שאפט פון דער יוניאן פארנומען צו שטו־

(שלוס אויף זייט 5)

יוניטי הויז אין פארעסט פארק וועט געעפענט ווערען מיט פראכט און גלאנץ פרייטאג, דעם 18טען יוני

רעדזשיסטריישאן אפיס עפענט זיך דינסטאג, דעם 1טען יוני, אין דער אינ־טערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט. — זייט צווישען די ערש־טע זיך איינצושרייבען. — צו דער ערעפנונג וועט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנצערט.

עס איז נאך פארבליבען בלויז א דריי וואכען צייט צו די ערעפנונג פון דער פראכטפולער אינטערנעשאנאל יוניטי־הויז, אין פארעסט פארק, פענסילווייניא.

די ערעפנונג פון אונזער גראנדיעזע זומער היים אויף די „בלויע" בערג פון פענסילווייניא איז געווארען א יום־טוב אין די רייהען פון אונזער יוניאן אין ניו יארק, אין פילאדעלפיא און נאך אנדערע שטעדט און שטעדטלאך. די ערעפנונג פון דער יוניטי הויז איז געווארען א גע־זעלשאפטליכע ערשיינונג פון א גרויסער באדייטונג און מען ווארט שוין מיט אומ־געדולד אויף יענעם טאג.

די ערעפנונג פון דער יוניטי הויז וועט דורכגעפיהרט ווערען מיט פראכט און גלאנץ, אוים'ן שטייגער פון אלא יר־ניטי!

די יעניגע, וואס זיינען שוין אמאל גע־ווען צו דער עפענונג פון דער יוניטי הויז, ווייסען שוין, וואס דאס מיינט און מען דארף זיי ניט צורעדען זיי זאלען פאהרען נאך אמאל. זיי וועלען שוין אליין דאס טאן. זיי ווארטען שוין מיט אומגעדולד אויף יענעם טאג. ווארים, מישטיינס גע־זאגט, וויפיל נאך אזוינע טעג פון פארגע־ניגען האט דער ארבייטער אין זיין ארים לעבען?

צו די, וואס זיינען נאך אין דער יוני־טי הויז פריהער ניט געווען, ווילען מיר בלויז זאגען: שוועסטער און ברידער! פרעגט זיך נאך ביי די, וואס זיינען שוין יע געווען דארטען און זיי וועלען אייך זאגען. זיי וועלען אייך דערצעהלען, וואס ס'מיינט צו זיין אין דער יוניטי הויז און צו געניסען פון די שעהנקייטען פון דעם פלאץ און פון דער רייכקייט פון דער נא־טור אויף יענע בערג. דער כלל איז, פאהרט איהר אהין איין מאל, וועט איהר שוין פאהרען אלע מאל. צו דער עפענונג וועט, נאטירליך, געגעבען ווערען א גרויסארטי־גער קאנצערט. און עס וועט זיין נאך און נאך.

דינסטאג, דעם 1טען יוני, עפענט זיך דער רעדזשיסטריישאן אפיס אין דער אינ־טערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, אוים'ן דריטען פלאר. און קלערט ניט און טראכט ניט, נעהמט און שרייבט זיך איין, וועט איהר זיין זיכער, אז קיי־נער וועט שוין אייער פלאץ ניט פארנע־מען. אז איהר וועט אונז פאלגען, וועט איהר אונז דאנקען.

פרעסערס יוניאן לאקאל 12, פון באסטאן, פייערט צוואנציג יאהריגען יובילעי

ברודער הענרי טאקמאן, דער טשער־מאן פון דער קלאוק פרעסערס יוניאן פון באסטאן, לאקאל 12, בעט אונז באקאנט צו מאכען, דאס דער לאקאל האט בא־שלאסען צו פייערען זיין 20־יאהריגען יובילעי דורך א באנקעט און פארזאמלונג. דער יום טוב וועט פארקומען זונטאג, דעם 20טען יוני, 1926.

דער יובילעאום־באנקעט וועט פאר־קומען אין דעם האל פון דער „היברו סקול", גלענוויי סטריט, דארטשעסטער, מאסס. פראמינענטע מענשען פון אונ־זער אינטערנעשאנאל וועלען אדרעסירען דעם עולם צו דעם יום טוב.

די מיטגלידער פון לאקאל 12, וואס ווילען קומען מיט זייערע פרויען צו דער שמחה, קאנען באקומען טיקעטס ביי דער ארגאנדרושמענטס קאמיטע, אין אפיס פון לאקאל 12. די מיטגלידער זיינען געבע־טען באלד צו באשטעלען די טיקעטס, כדי אלעס זאל קאנען ארגאנזירט ווע־רען ווי עס באדארף צו זיין.

דער נעקסטער „האיק" וועט זיין זונטאג, דעם 6טען יוני.

דער נעקסטער הייק, ארגאנזירט פון אונזער עדיוקיישאנעל דעפארטמענט, וועט פארקומען זונטאג, דעם 6טען יוני. וואו מען וועט הייקען און אנדערע אייבצעל־הייטען, וועט באקאנט געמאכט ווערען קו־מענדע וואך.

שליסט זיך אן צו אונזערע הייקערס און פארברענגט א טאג אין פארגעניגען. אין דער ריינער לופט אונטער'ן פרייען הימעל.

דר. פרייס אפגעפאהרען פאר א קורצער צייט אין אייראפא

דר. דזשארדזש מ. פרייס, דער די־רעקטאר פון דזשאינט באארד און סאני־טארי קאנטראל און פון דעם יוניאן העלט סענטער, איז דעם דאנערשטאג פריה אפ־געפאהרען פאר א קורצער צייט אין יר־ראפ.

דר. פרייס וועט באזוכען די פארשי־דענע קליניקס אין אויסלאנד, ספעציעל די קליניקס אין דייטשלאנד און פראנק־רייך, און וועט דארט מאכען א ספעציע־לען שטודיום פון די אלע נייעסטע איינ־ריכטונגען. און קוים וועט ער דארט גע־פינען עפעס פון א באזונדערען ווערט, וואס אין אמעריקע ווייסט מען נאך ניט דערפון, וועט ער, קומענדיג צוריק, דיזעל־ביגע איינריכטונגען איינשטעלען אין דעם יוניאן העלט סענטער פון אונזער אינ־טערנעשאנאל. ער וועט פון דארט אויך ברענגען די נייעסטע איסטרומענטען, וואס ווערען גענוצט אין דער מעדיציני־שער פראפעסיע; ווי אויך נייע מאשי־נערי פאר די קליניקס און דעפארטמענטס פון דעם יוניאן העלט סענטער. דר. פרייס וועט זיך פארזאמען אין יוראפ ארום צוויי חדשים.

קלאוק דעזיינערס שטעלען ארויס פאדערונגען צו די באלעבאטים

די קלאוק און סוט דעזיינערס, וועל־כע האבען שוין פריהער באשלאסען אויפצונעמען א קאמף מיט די מאנופעק־טשורערס פאר בעסערע באדינגונגען, האבען לעצטען שבת, אויף א גרויסער פארזאמלונג דיסקוטירט א רייהע פאדע־רונגען, וואס זיינען איינשטימיג אננע־נומען געווארען. די דעזיינערס באלאנ־גען צו לאקאל 45 פון אונזער אינטער־נעשאנאל.

די הויפט פאדערונגען זיינען פאל־גענדע:

1) אז יעדער מאנופעקטשורער זאל מוזען באשעפטיגען א דעזיינער.

2) דער מינימום סקייל זאל זיין 95 דאלאר א וואך.

3) ווען א מאנופעקטשורער וויל גע־מען א נייעם דעזיינער, וועט ער האבען די פריווילעגיע צו נעמען צוויי דעזיי־נערס אויף פראבע. די פראבע איז איין וואך פאר יעדען דעזיינער; און אויב ער איז מיט זיי ניט צופרידען, קאן ער נעמען א דריטען, אבער דעם דריטען מוז ער שוין האלטען. דער מא־נופעקטשורער מוז זיין פאראנטווארטליך פאר א סעזאן ארבייט פון ניט ווייניגער ווי 6 חדשים.

4) א מאנופעקטשורער וועט ניט ערלויבט ווערען צו מאכען דעזיינס, פונקט ווי עס איז איהם ניט ערלויבט צו טאן אנדערע ארבייט אין שאפ.

5) קיין אינדיווידועלע קאנטראקטען זאלען ניט געמאכט ווערען צווישען דעם באס און דעם דעזיינער, נאר דער אל־געמיינער קאלעקטיווער אגרימענט פון דער ניו יארקער דזשאינט באארד זאל זיין גילטיג אויך פאר'ן דעזיינער.

6) דער דעזיינער זאל אין שאפ ניט טאן קיין אנדערע ארבייט, אויסער וואס האט א שייכות צו דער ספעציפישער ארבייט פון דעזיינער.

דער מיטינג איז געווען פול מיט ענטוזיאזם און ענטשלאסענקייט אויסצו־קעמפען די אלע אויבענדערמאנטע פא־דערונגען. עס איז באשטימט געווארען, אז אזוי שנעל ווי די עקזעקוטיווע וועט האבען פארטיג דעם גאנצען אפאראט פון סטרייק, זאל זי דעם באשטימטען סטרייק ארויסרופען.

ביי דעם מיטינג זיינען אויך אריינ־געקומען נייע 80 מעמבערס.

ביי דעם מיטינג איז פארגעלייענט געווארען א בריף פון פרעזידענט זיג־מאן, אין וועלכען ער פארזיכערט די דע־זיינערס, אז די אינטערנעשאנאל וועט זיי שטיצען אין זייער קאמף מיט אלע מעגליכקייטען.

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 22

זייט 2, 3 און 4 רעפארט פון גאווערנאר'ס קאמישאן אין דער ניו יארק קלאוק־אינדוסטריע.
זייט 5. א רעטער אין נויט (הומארעסקע) —ה. פ. שלוס פון ערשטער זייט.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. דער רעפארט פון אינטערנעשאנאל איסטערן דעפארטמענט — ל. פינקעל־שטיין. א קום מיט מיר (געדיכט) — נחום י.
זייט 8. דער אינדוסטריעלער קריזיס אין ענגלאנד — דר. הערמאן פראנק. זייט איהר א ניו יארקער? (פעליעטאן) — דער לעבעדיקער.
זייט 9. א שפאציר אין די דרעס־שעפער— א לייבעל אינספעקטאר. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק־ און דרעסמאכער יוניאן — דזשאזעף פיש. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10. אין די אפיסעס פון דזש. באארד.
זייט 11. פון ארבייטסלאזען אינשורענס־פאנד. אדווערטייזמענטס.
זייט 12. פינאנציעלער רעפארט פון לאקאל 22 פארשידענעס.

צו די קלאוק און דרעסמאכער!

קומענדיגען מאנטאג, דעם 31טען מאי, איז דעקארייישאן דעי, א געזעצליכער יום טוב, און די קלאוק און דרעסמאכער טארען יענעם טאג נישט ארבייטען. אלע וואך־ארבייטער דארפען קריגען באצאהלט פאר דעם טאג.

זאל קיין קלאוק און דרעסמאכער יענעם טאג נישט געהן צו דער ארבייט.

דזשאינט באארד קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

ל. היימאן, גענעראל מענעדזשער.
דזש. פיש, גענעראל־סעק.־טרעזשורער.

ניו יארק דזשאינט באארד באשטימט א קאמיטע אויסצוארבייטען פלענער פאר א גענעראל-סטרייק

(שלוס פון זייט 1)

מיידסטער פארמע.

אויב די קלאוק דזשאבבערס און די אינסייד מאנופעקטשורערס וועלען ווירקליך ניט וועלען אויספאלגען די ענטשיידונג פון דער קאמישאן, ווי זיי סטראשען איצט, דאן איז א גענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע אומפארמיידליך.

אז די דזשאבבערס גרייטען זיך צו א קאמף מיט דער יוניאן קאן מען אויך זעהן דערפון, וואס זיי ווילען זיך באזארגען מיט א סטאק פארטיגע ארבייט.

♣

נאך לעצטען מיטינג פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט פרעזידענט זיגמאן זיך גענומען א שטיקעל אפרוה, און דעם מאנטאג אין דער פריה איז ער שוין געווען צוריק ביי זיין דעסק אין אפיס; און ווי דער שטייגער איז, איז ער באלד פארווארפען געווארען מיט ארבייט. עס קומען אין אפיס פארשידענע קאמיטעס, ער האלט אפ וויכטיגע קאנפערענצען און אין זיין אפיס געהט אן א פיבערהאפטע טעטיגקייט.

איצט איז געוויינליך סלעק אין קלאוק טרייד. אלץ וואס מען מאכט אין דער צייט, אין א נארמאלער צייט, איז סעמפעלס און דופליקייטס. אבער אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל ווייס מען גאנץ גענוי, דאס מאנכע דזשאבבערס זיינען איצט פארנומען מיט אויפמאכען גרויסע ארדערס פון סטאק. עס איז לייכט צו פארשטעהן וואס דאס מיינט.

פרעזידענט זיגמאן וועט די טעג האבען א קאנפערענץ מיט די הויפט בעאמטע פון דזשאינט באארד צו זעהן וואס עס קאן צו דעם געטאן ווערען.

דזשאינט באארד באשטימט א קאמיטע אויסצוארבייטען סטרייק-פלענער.

אונטער אזוינע אומשטענדען וואלט, פארשטעהט זיך, געווען נאריש, דער דזשאינט באארד זאל זיצען מיט פארלייגטע הענט און אויך אין דער יוניאן גרייט מען זיך צו א מלחמה. און די באלעבאטים קאנען זיין גאנץ זיכער, דאס וויבאלד עס וועט מוזען קומען צו א אפענעם קאמף, וועלען די קלאוקמאכער איצטער, נאר אויף דאס ניי, זיי געבען אזא פייט, וואס זיי וועלען האבען צו געדענקען פאר יאהרען און יאהרען.

זאלען די באלעבאטים ניט מיינען, אז זיי וועלען כאפען די קלאוקמאכער יוניאן דרעמלענדיג. די יוניאן איז גאנץ אויף דער וואך און אלע נויטיגע פארבארייטונגען ווערען געמאכט פאר א קאמף, אויב דאס זאל זיין נויטיג.

ביי דעם דזשאינט באארד מיטינג לעצטען פרייטאג איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיטע, וועלכע זאל אויסארבייטען אלע פלענער פאר א גענעראל סטרייק.

די קאמיטע באשטעהט פון אלע לאקאל מענעדזשערס און 5 דזשאינט באארד דעלעגאטען. די קאמיטע באשטעהט פון די פאלגענדע פערזאנען:

י. בארוכאוויטש, מענעדזשער פון לאקאל 2; ד. רובין, מענעדזשער פון לאקאל 3; א. זירלין, מענעדזשער פון לאקאל 9; ד. דובינסקי, מענעדזשער פון לאקאל 10; פארטנאי, מענעדזשער פון לאקאל 22; פינקאווסקי, מענעדזשער פון לאקאל 23; דזש. נארעצקי, מענעדזשער פון לאקאל 35; ס. נינפא, מענעדזשער פון לאקאל 48; ל. ראזענבלאט, מענעדזשער פון לאקאל 82; און לואידזשי אנטאניני, מענעדזשער פון לאקאל 89.

די פינף דזשאינט באארד דעלעגאטען זיינען: מ. קופער, פון לאקאל 2; מאני פערלמאן, פון לאקאל 9; פענקין, פון לאקאל 10; קודרינעצקי, פון לאקאל 35; און מאליסאני, פון לאקאל 48.

די קאמיטע, צוזאמען מיט דעם דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, ל. היימאן, און סעקרעטער-טרעזשורער פון דזשאינט באארד, דזשאזעף פיש, וועלען אויסארבייטען אלע פלענער פאר א גענעראל סטרייק, און וועלען עס פארברענגען פאר'ן דזשאינט באארד.

בריוו אין רעדאקציע

אן ענטפער פון דער בוקקיפערס יוניאן

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט":—

מען האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף א באריכט אין אייער צייטונג, פון י. נארעצקי, מענעדזשער פון דער קלאוקפרעסערס יוניאן, לאקאל 35, אין וועלכען ער דערצעהלט, דאס ער האט אנטזאגט פון דער ארבייט א מיידעל, וואס האט געארבייט אין זיין אפיס, ווייל זי האט „סאבאטאזשעוועט".

די דאזיגע מיידעל איז א מיטגליד פון אונזער בוקקיפערס און סטענאגראפערס יוניאן. מיר האבען אויסגענומען מיט נארעצקי'ן די קייס, און עס איז ווייט ניט אזוי, ווי ער שרייבט אין זיין באריכט.

די באווייזען, וואס מענעדזשער נארעצקי האט געבראכט אין זיין באריכט געגען אונזער מעמבער, האבען, לויט אונזער מיינונג, גארניט באוויזען געגען דער מיידעל, זיינען אויף א האר ניט געווען איבערצייגענד. מיר האבען געזעהן, אז זיין קייס געגען איהר איז ניט באגרינדעט, און מיר האבען פארלאנגט, אז די קייס זאל איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן, דאס אן אומפארטייאישער מענטש זאל האבען א געלעגענהייט צו אנטשיידען, אויב נארעצקי האט א רעכט געהאט איינצוזאגען צו אנטזאגען דער מיידעל פון דער ארבייט אין זיין אפיס. ער האט זיך אנטזאגט צו געהן צו ארביטריישאן, כאטש אונזער אגרימענט שרייבט פאר, אז אין אזא פאל זאל די קייס דורכאויס איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן. דאך אבער נאך א לאנגען אונטערהאנדלען איז די קייס געסעטעלט געווארען, דאס לאקאל 35 זאל געבען דער מיידעל, וואס איז אנטזאגט געווארען פון דער ארבייט, 200 דאלאר אלס א פארגיטיגונג.

מיר מאכען די ערקלעהרונג צו ווייזען פאר די מעמבערס פון דער פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, וועלכע זיינען דאך די ריכטיגע באלעבאטים פון דעם לאקאל, ווי ניט ריכטיג עס איז נארעצקי'ס סטייטמענט וועגען דער אנגעלעגענהייט. מיר זיינען שטענדיג גרייט צו פארטיידיגען יעדען פון אונזערע מיטגלידער, וואס ווערט אנטזאגט פון דער ארבייט אומגערעכטערווייזע, אהן א געגרינדעטער אורזאך.

ערנעסט באהם,
סעקרעטאר בוקקיפערס, סטענאגראפערס און אקאונטענטס יוניאן, נום 12646.

לאקאל 2 און לאקאל 9 רופן די מיטגלידער שבת בייטאג, אין מעדיסאן סקוועער גארדען

די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 2 און 9 האבען אויף זייער מיטינג, דינסטאג אוונט, באשלאסען זיך צו באטייליגען אין דער פארזאמלונג דעם שבת בייטאג, אין מעדיסאן סקוועער גארדען, צוזאמען מיט די פאריער סטרייקערס, אין דער דעמאנסטראציע פאר א 40-שטונדען ארבייטס-וואך.

די עקזעקוטיוו באארד פון די לאקאלס 2 און 9 האבען ערוויילט ספעציעלע קאמיטעס צו זיין אויף דער פארזאמלונג.

אלע מיטגלידער פון לאקאל 2 און לאקאל 9 זיינען אויפגעפאדערט צו קומען צו דער פארזאמלונג אויסצודריקען זייער סאלידאריטעט מיט די העלדישע פאריער סטרייקער און אין דער זעלבער צייט אליין אויך ארויסטרעטען פאר דער פאדערונג פון א 40 שטונדען ארבייטס-וואך.

אין נאמען פון די עקזעקוטיוו באארדס,

י. בארוכאוויטש,
מענעדזשער לאקאל 2.
א. זירלין,
מענעדזשער לאקאל 9.

סאניטארי קאנטראל באארד און פראסאנים לייבל איינגעשטעלט אין באסטאן

(שלוס פון זייט 1)

גונג פון אונזער יוניאן אין באסטאן.

די אנדערע רעדנער ביים דינער זיינען געווען: פראפעסאר וויליאם ז. ריפלי, פון דעם הארווארד אוניווערזיטעט, דער טשערמאן פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, מר. לואיס ב. רענסטאוול, פון דער באסטאן וויממענס טרייד-יוניאן ליג, וויס-פרעזידענט דזשוליוס האכמאן, דר. הענרי מאסקאוויטש, פון ניו יארקער לייבעל דעפארטמענט, און נאך אנדערע פון די געסט. דר. הענרי מאסקאוויטש האט געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטע רעדע וועגען דער טעטיגקייט פון דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל אין ניו יארק זייט די לעצטע 16 יאהר.

די יוניאן איז אויף דעם דינער געווען פארטראטען דורך די וויס-פרעזידענטען דזשוליוס האכמאן, דייוויד גאדעס און ברודער ב. קורלאנד, דער טשערמאן פון דעם באסטאן דזשאינט באארד פון דער קלאוק- און דרעסמאכער יוניאן. דער פראסאנים לייבעל שוין אין אלע שעפער.

שפעטער האט וויס-פרעזידענט האכמאן אנאנסירט, דאס דער איינגעשטעלטער באארד איז שוין ווייט ביי דער ארבייט, און דאס דער פראסאנים לייבעל געפינט זיך שוין אין אלע קלאוק- און דרעס-שעפער פון באסטאן. די אימפאזאנטע איינשטעלונג פון דעם לייבעל איז „געפיטשורט" געווארען אויף דער ערשטער זייט פון אלע צייטונגען אין באסטאן, מיט פיקטשורס און קארטונס, און דאס האט דעם לייבעל זעהר פאפולער געמאכט.

דער סאניטארי קאנטראל באארד האט געעפענט א שעהנעם אפיס אין דער באוואוסטער „ליטעל בילדינג", 80 בוילאן סטריט. מיס מרים סיווע איז אפאינטעט געווארען אלס דירעקטאר פון דעם באארד.

יוניאן מיטגלידער קענען ביי־וואוינען „הכח"-גיים אין ברוקלין פאר האלבע פרייזען

דער פוס-באל-טיעם פון'ם וויענער אידישען ספארט-קלוב „הכח", וועלכער איז די וואך צוריקגעקומען פון א טור איבער די מידל-וועסט, וועט דעם שבת, דעם 22טען מאי, מאכען נאך אן אויפטריט אין ניו יארק, ווען די „הכח"-שפילער וועלען באגעגענען א שטארקען טיעם פון די „וואנדערערס". די גיים וועט פארקומען שבת, 3 א זייגער נאכמיטאג, אין „עבערטס פילד", ברוקלין.

מיטגלידער פון אידישע יוניאנס און סטרייקער וועלען אויך ביי דער דאזיגער גיים, ווי ביי דער לעצטער „הכח"-גיים דעם ערשטען מאי אין „פאלא גראונדס", קריגען איינטריטס-קארטען צו רעדוצירטע פרייזען. זיי דארפען ווייזען זייערע מעמבערשיפ-קארדס אדער סטרייק-ביכלעך, און זיי קענען קריגען טיקעטס צו דער ברוקלינער גיים פאר האלבע פרייזען, אין דעם ניו יארק אפיס פון „הכח", 31 יוניאן סקוועער, רום 1307, אדער אין דעם ברוקלינער אפיס, 316 ליווינגסטאן סטריט.

פרעסערס פון קלאוקס

מיר בעטען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

מיר האבען געמופט

פון 123 פינפטע עוועניו, צו

321 פינפטע עוו.

ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאניטארי וווייער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאש און בעלוועיע. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מארקעט, פראקטיש טיפ מיט א גאראנטיע. אויך פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיינערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די וווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זייגען ווילקאמען!

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני

321 פינפטע עוו., ניו יארק

טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 6651.

קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

א באגריסונג צו דער „אמאלגאמייטעד"-קאנווענשאן

(שלוס פון זייט 1)

עס איז שוין ניט ווייט דער טאג, ווען אייער יוניאן וועט ווערען א גליד פון דער גרויסער קערפערשאפט פון דער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. וואו זי וועט זיין א וויכטיגער טייל אין דעם בונד פון די ארבייטער-יוניאנס, וואס שטעהען אויף דער וואך צו באשיצען די לעבענס-אינטערעסען פון די ווידזש-ארבייטער אין אמעריקא.

אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענטס ווארקערס יוניאן.

מארים זיגמאן, פרעזידענט
אברהם באראף, סעק.

קלאוק פינישערס לאקאל 9

א. ל. ג. וו. י. — אויפמערקזאם!

די עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל האט ביי איהר לעצטען מיטינג באשלאסען צו פארבארייטען זיך צום סטרייק וואס מיר ערווארטען נאך דער ענטשיידונג פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן.

מיר מוזען אונזער קעמפענדע ארמיי צוגרייטען און די ארמיי דארף זיין אזוי גרויס, אז די באלעבאטים וועלען זיך מוזען רעכענען מיט דעם. מיר זיינען ארגאניזירט און זיי וועלען זיין געצוואונגען נאכצוגעבען אונזערע פאדערונגען.

יעדער מיטגליד פון לאקאל וואס וויל זיך אנשליסען אין דער ארבייט פון די פארשידענע קאמיטעס פון סטרייק איז געבעטען צו קומען אין דעם לאקאל און אינפארמירען אונז וועגען דעם. אנפאנג מאנטאג, דעם 26טען מאי, וועלען מיר אנפאנגען רעדזשיסטרירען די יעניגע וואס ווילען זיך אנשליסען אלס אקטיווע טוער אין צייט פון א סטרייק. ווען איהר קומט זיך פארשרייבען ברענגט מיט אייער יוניאן ביכעל.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

א. זירלין, מענעדזשער — וו. גרינבערג, טשערמאן.

דער מאגען?

עקס-לאקס!

קויפער, איז ער אינדירעקט א מאנופעק־טשורער. ער קויפט זיינע מאטעריאלען און נאכדעם טיילט ער אויס די פראדוק־טען צו אן עלאסטישער און זיך בייטענ־דער גרופע פון קליינע מאנופעקטשורער, וועלכע פאלגען נאך בנוגע צו סטייל צו זיינע אינסטרוקציעס. זיין הויפט אויפ־מערקזאמקייט איז גרויס־פראדוקציע און פארקויפען די פארטיגע קליידער פון די „רעקס". און כאטש דורך דעם, וואס צו זיי געהערט די שטאף און זיי דירעקטי־רען דעם פלוס פון די ארדערס אין די סוב־מאנופעקטשורינג־שעפער, זיינען דאך די דזשאבערס די ווירקליכע קאפיטאליסטען אין דיזען גרויסען ברענטש פון דעם מא־נופעקטשורינג פראצעס, באשעפטיגען זיי אבער קיין ארבייטער ניט און זיי האל־טען זיך ניט פאראנטווארטליך פאר די ארבייטער סטאנדארדס. צוליב דעם טאקע זיינען זיי ניט פאראינטערעסירט צו פארלענגערן די סעזאנען, ווייל די „אווערהעד"־הוצאות פון מאנופעקטשו־רינג טראגען די גרויסע צאהל קליינע סוב־מאנופעקטשורערס, יעדערער מיט א קליינעם לאפט און עטליכע מאשינען.

פון דער צווייטער זייט קומט דער סוב־מאנופעקטשורער אין קיין באריהרונג מיט דעם ריטייל טרייד. זיי לאזען ארויס זייער ווארע דורך דעם דזשאבער. זיי קענען ניט שאפען קיין נאכפראגע פאר זייער פראדוקציע. מעהרסטענטיילס פאר־מאגען זיי ניט קיין גענוג קאפיטאל צו קויפען מאטעריאלען. זיי באקומען ארבייט און מאטעריאלען פון דעם דזשאבער. זוכענדיג ארבייט פון די דזשאבערס קאנ־קורירען זיי שרעקליך איינע מיט די אנ־דערע. דיזע קאנקורענץ ווערט נאך פאר־שטארקט דורך אן אנדער באדינגונג וואס ליגט הינטער דעם. יעדערער וואס פאר־מאגט עטליכע הונדערט דאלאר קאן דינגען א פלאץ אין א קליינעם לאפט, צונויפקלייבען א הייפעלע ארבייטער, וועלכע זיינען אומגעגאנגען אהן ארבייט אין דעם שטילען סעזאן און זיך ארייננ־ווארפען אין דער קאנקורענץ צו קריגען ארדערס פון דעם דזשאבער. בוכשטעב־ליך הונדערטער אזעלכע קליינע שעפער ווערען געעפענט און פארמאכט יעדען יאהר.

די שלעכטע זייטען פון דער דזשאבינג מאנופעקטשורינג סיסטעמע

דיזע אוטסייד סיסטעמע פון פרא־דוקציע איז פול מיט ניוועטש (וועיסט) פאר אלעמען. צוזאמענרעכענענדיג די אלע שותפים אין די סוב־מאנופעקטשו־רינג שעפער געפינען זיך עטליכע טויזענט מענשען וועלכע פארברויכען זייער ענער־גיע מעהרסטענס אין געהן פון אייך דזשא־בער צום צווייטען צו זוכען ארדערס. זייערע שעפער זיינען מעהרסטענטייל צו־קליין מען זאל דארטען קאנען אנפיהרען גוט ארגאניזירטע, סיסטעמאטישע מע־טאדען פון פראדוקציע. דאך צוזאמענ־גענומען פארנעהמען זיי אן אונגעהייערע מאס פלאר ספייז, וואס איז אין ווירק־ליכען געברויך בלויז 6 חדשים אין יאהר.

די וועיסט אין דער סיטעמע ווערט פאנאנדערגעווארפען אויף פארשיידענע וועגען. הונדערטע פון דיזע סוב־מאנו־פעקטשורינג פירמעס פארלירען יעהרליך דעם קליינעם קאפיטאל מיט וועלכען זיי האבען אנגעהויבען און לאזען אפט אי־בער זייערע קרעדיטארען, אריינרעכענענ־דיג די ארבייטער, אין א פארלעגענהייט. די דזשאבערס אליין ליידען אלץ מעהר פון דעם, וואס ריטייל ארדערס ווערען צוריקגערופען און סחורה ווערט צוריק־געקעהרט צוליב שלעכטע ארבייט, צוליב ווייניג שטאף, ניט קיין ריכטיגע סיי־זעס און אנדערע אונפינקטליכקייטען. די שווערסטע לאסט, אבער, פון די וועיסט פאלט אויף די ארבייטער, צוליב די פאר־קירצטע סעזאנען, און נידריגערע סטאנ־דארדס פון ארבייט. ווי עס וועט בא־וויזען ווערען, זיינען אויסגעוואקסען אזעלכע באדינגונגען אין דער דאזיגער „אויטסייד" סיסטעמע פון פראדוקציע, וועלכע ערקלערען די אורזאכע פון דער וואקסענדער אומצופרידענהייט פון די ארבייטער.

די באדינגונגען אין די צוויי סיסטע־מען פון פראדוקציע אין דער אינדוסט־ריע — די אינסייד און אויטסייד סיס־טעמען — זיינען אינגאנצען פארשידען און עס איז דערפאר נויטיג צו בא־טראכטען זיי באזונדער און צו מאכען רעקאמענדאציעס, וועלכע זאלען זיין פא־סיג צו יעדערע. צום באדויערן, פאר־נעהמט איצט די ווייניגער פאראנטווארט־ליכע און אינדוסטריעל ווייניגער געזונטע סיסטעם ביי דריי־פערטעל פון דער גאנ־צער פראדוקציע.

ווי עס איז שוין געזאגט געווארען, ווערט אין דעם פאל די פראדוצירונג קאנטראלירט פון די דזשאבערס וועלכע גיבען די ארדערס און וועמעס קאפי־טאל, ספעציעל אין דער פארמע פון מא־טעריאלען, איז אריינגעלעגט אין דעם פראדוצירונג פראצעס. אבער די ארבייט וועלכעס ווערט געמאכט אין די שעפער

פון די סוב־מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען מעהרסטענטיילס קליינע און מיט מאגערע רעסארסען.

די קאמיסיע האט געהערט א סך עדות־זאגען פון אלע צדדים, וואס האט געצייגט דעם צושטאנד וועלכער האלט אן אין יענע שעפער. די קאנקורענץ אויפ'ן מארקעט ביים באקומען ארדערס ווארפט אויף די שעפער ארויף אן אומ־דערבארימליכען דרוק, וועלכער איז מעהר, וויפיל זיי האבען כחות בייצו־שטעהן.

וואלט דער דרוק געפאלען בלויז אויף די סוב־מאנופעקטשורערס, וואלט נאך די לאגע ניט געווען אזוי ערנסט. עס וואלט, מעגליך, זיך אליין אויסגעארבייט די רפואה צו דעם, ווייל עס וואלט אפגע־נומען געווארען דער חשק, אז נייע שעפער זאלען זיך האלטען כסדר אין עפענען.

דער פאקט איז אבער, אז א גרויסען טייל פון די סוב־מאנופעקטשורערס גע־לינגט עס אריבערצוליגען די לאסט אויף די ארבייטער. ווייל דער שאפ איז קליין, איז, פארהעלטניסמעסיג, דא א נאהענטע פארבינדונג צווישען די אר־בייטער און דער פירמע. ווען ארבייט איז דא ווייניג, ווי ס'איז געוועהנליך, אויסער פאר ווענינע וואכען אין סעזאן, זאגט מען די ארבייטער, אז אום צו באגעגענען די נויטווענדיגקייט פון דער קאנקורענץ אין פרייז און קריגען ארבייט אין שאפ אריין מוזען זיי אריינגעהן אין געהיימע אפמא־כען (מיט די באלעבאטים) אין געגענזאץ צו די מינימום ארבייטס־סטאנדארדס, אויף וועלכע מען איז איינגעגאנגען און וועלכע ווערען גאנץ ערפאלגרייך אנגע־האלטען אין די גרעסערע שעפער פון די אינסייד מאנופעקטשורערס.

די דאזיגע קאנצעסיעס פון די אר־בייטער נעהמען אן פארשידענע פארמען. מעהרסטען באשטעהט עס אין די ווייזדזשעס, די שטונדען, די ראטע פון צאהלונג פאר אווערטיים, די ארבייט אין א יום טוב און שטיק־ארבייט אנשטאט קריגען באצאהלט פער שטונדע. דאס אלעס ווערט געמאכט אהן דעם וויסען פון די פארשטעהער פון דער יוניאן און ווערט אפט אויסבאהאלטען אפילו אין די ביכער פון דער פירמע. דער אינסייד מאנופעק־טשורער ווערט דורך דעם אונטערווארפען צו אזא ניט עהרליכע קאנקורענץ, אז אוי־סער די וואס פראדוצירען קליידער פון אויסשליסליכע און קאסטבארע סטיילס טרייבט עס די געזעצליכע מאנופעקטשו־רערס צו ווערען דזשאבערס.

דאס איז נאך ניט אלץ. די טענדענץ איז געווארען אז די סובמאנופעקטשורינג שעפער זאלען זיך פארקלענערען אין גרויס און זיך פארמעהרען אין צאהל. דער צאהל וואקסט פון סעזאן צו סעזאן, ניט אכטענדיג אויף דעם פאקט וואס א גרויסע צאהל סוב־מאנופעקטשורינג שעפער געהען יעדען יאהר ארויס פון ביזנעס און לאזען זייערע ארבייטער אהן באשעפטיגונג. די ארבייט אין דיזע שעפער ווערט אריינגע־קוועטשט אין קורצע און איבערהאפטע סעזאנען, מעהר ווי אין די אינסייד שע־פער, און די צייט פון זיין באשעפטיגט וואקסט זיך זעהר שטארק פון חודש צו חודש. די אינוועסטיגיישאן פון דער ביור־רא אף ריסוירטש האט געוויזען אז אין 1925 איז דיזער צושטאנד געווען נאך מעהר בולט ווי אין 1924.

פון די רעקארדס פון דעם ארבייטס־לאזען אינשורענס פאנד האט די ביורא אף ריסוירטש געמאכט אן אנאליז פון די ווייזדזשעס און פון דער לענג פון דער אר־בייטס צייט אין די אינסייד און די סוב־מאנופעקטשורינג שעפער פאר'ן יאהר 1925. עס ווייזט זיך ארויס, אז די אר־בייטער אין די סוב־מאנופעקטשורינג שע־פער האבען אין דורכשניט דורכ'ן יאהר געארבייט א צייט וואס איז גלייך צו 26.8 פולע וואכען געגען א דורכשניט פון 37.4 פולע וואכען פאר'ן יאהר אין די אינסייד שעפער. דער דורכשניט פארדינסט פון אן ארבייטער פער וואך דורכ'ן יאהר, רעכע־נענדיג אלע טריידס צוזאמען, איז אין די אוט־סייד שעפער געווען 26.40 דאלאר געגען 36.00 דאלאר אין די אינסייד שע־פער, און דער דורכשניט פארדינסט פאר'ן יאהר איז געווען 1,374.40 דאלאר געגען 1,750.00 דאלאר.

פון אן אינדוסטריעלען שטאנדפונקט איז אזא צושטאנד א כאאטישער און דע־מאראליזירענדער. וואלט עס געווען מעג־ליך, זאלטען די ארבייטער געהאט רעכט צו נעמען די שטעלונג אז זיי וועלען נאר ארבייטען אין אינסייד שעפער און זיך אפזאגען צו ארבייטען אין די אויטסייד שעפער, וואו זיי זיינען אינגאנצען אפגע־טיילט געווארען פון יעדער דירעקטער בא־ריהרונג מיט די איינגענטימער וועמעס קא־פיטאל עס איז פארבונדען מיט'ן געשעפט. אבער די אזוי גערופענע דזשאבינג סיס־טעמע פון מאנופעקטשורען האט זיך אזוי פארנאנדערגעוואקסען און זיך אזוי שטארק איינגעווארצעלט אין דער אינ־דוסטריע דאס אזא שטעלונג איז געווארען פראקטיש ניט דורכפיהרבאר.

עס איז ניטא קיין צווייפעל, אז עס וואלט געווען צו נוצען פון דער אינ־דוסטריע און אויך פון דעם פארברויכער ווען מ'זאל זיך אומקערען, אויף ווי ווייט עס איז מעגליך, צו גרעסערע פראדוצי־רענדע איינהייטען, (ד. ה. שעפער) און צו אינסייד מאנופעקטשורינג. יעדער מעגליכער שריט זאל גענומען ווערען מיט דער אויסרעכענונג אז עס זאל סטימולי־רען א באוועגונג אין דיזער ריכטונג. עס איז אבער פאר אונז קלאר, אז א ריכטונג וואס האט זיך ענטוויקעלט אין א צייט פון א צעהן יאהר קאן ניט איבערגע־אנדערשט ווערען איבער נאכט. מיר זיי־נען איצט אוועקגעשטעלט געווארען געגען די שלעכטע זייטען פון דער איצטיגער דזשאבינג־סובמאנופעקטשורינג סיסטע־מע, וועגען וועלכער עס איז דא גערעדט געווארען און וועלכע פארערען א שנעלען הילפס־מיטעל. עס וואלט געווען א נא־רישקייט דאס צו איגנארירען, ווייל די פארטזעצונג פון די איצטיגע כאאטישע צושטענדע פון דיזען ברענטש פון דער אינדוסטריע מיינט רואינע צו אלע וואס באטייליגען זיך אין איהר.

וועלענדיג באשטימען די שייכות צווישען דזשאבער, סוב־מאנופעקטשורער און ארבייטער דארפען מיר זיין פאראינ־טערעסירט ניט אזוי פיל מיט דער פארם ווי מיט דעם אינהאלט. מיט וועלכען נא־מען ער זאל זיך ניט רופען, דער דזשאבער קאנטראלירט די ארבייטס באדינגונגען; ער קאנטראלירט די באשעפטיגונג און דיזער עלעמענט פון קאנטראל לעגט אויף איהם ארויף די פאראנטווארטליכקייט אז ער זאל אזוי אנפיהרען זיינע געשעפטען, אז אנשטענדיגע ארבייטס סטאנדארדס זאלען קאנען אויפגעהאלטען ווערען אנ־שטאט אונטערגעגראבען ווערען און אז באשעפטיגונג זאל סטאביליזירט ווערען אנשטאט דעמאראליזירט ווערען.

די איצטיגע מעטאדע פון זייער גע־שעפט פיהרונג ברענגט מיט זיך די צו־שפליטערונג פון די פראדוצירענדע איינ־הייטען (שעפער) צו אזא פונקט, וואס מאכען פאר די אינסטיטוציעס אין דער אינדוסטריע אוממעגליך צו האבען וועל־כען ניט איז ריכטיגען אויפזיכט, און דאס מאכט פאר אוממעגליך אויפצוהאלטען וועלכען ניט איז צופרידענשטעלענדען סטאנדארד פון ארבייט.

מיר פארשטעהען, אז וואס פאר א מי־טעל ס'זאל ניט פארגעשלאגען ווערען, מוז ער זיין פארנינפטיג, פראקטיש און מען זאל איהם קאנען אנווענדען ניט שטערענ־דיג די אינדוסטריע. האבענדיג דאס אין זינען רעקאמענדירט די קאמיסיע, אז די דזשאבינג מאנופעקטשורינג סיסטעמע זאל אזוי מאדיפיצירט ווערען, אז עס זאל פירען צו דעם, אז דער פלוס פון ארבייט אין די סוב־מאנופעקטשורינג שעפער זאל רעגולירט ווערען, אז די קאנקורענץ צווי־שען די סוב־מאנופעקטשורערס זאל אויפ־געהויבען ווערען אויף א העכערען גראד, ס'זאל פירען צו נעהענטערע פארהעלטני־סע צווישען די דזשאבערס און די סוב־מאנופעקטשורערס און עס זאל איינשטע־לען די ארבייטס באדינגונגען אין די שע־פער.

האבענדיג דיזע אויפגאבע פאר זיך, רעקאמענדירען מיר, אז די צדדים זאלען אננעמען א סיסטעמע צו באגרעניצען די צאהל סוב־מאנופעקטשורערס מיט וועלכע דער דזשאבער קאן טאן ביזנעס. ער זאל אויסקלייבען און באשטימען, לויט א גע־וויסען סטאנדארד צו וועלכען די צדדים וועלען איינשטימען, די סוב־מאנופעקטשו־רערס וועלכע ער דארף אויפצומאכען זיין ארבייט, לאזענדיג איהם די נויטיגע פריי־הייט זיך צו באזארגען מיט סעמפעלס און אומצובייטען די סובמאנופעקטשורערס פאר א געוויסער אנגעוויזענער אורזאכע; ער (דער דזשאבער) זאל ניט געבען קיין ארבייט צו אנדערע סובמאנופעקטשו־רערס, אויב די פון איהם אנגעגעבענע סוב־מאנופעקטשורערס זיינען ניט ביזי און ער זאל זיך האלטען, ווי ווייט מעגליך, ביי א פאליסי פון גלייכער צוטיילונג פון אר־בייט צווישען די סובמאנופעקטשורערס וועלכע ער האט באשטימט. די פארוואל־טונג פון אזא סיסטעמע זאל זיין אונ־טערווארפען, ווען פעלע שווימען ארויף, צו דער גערעכטער פארטייטשונג פון דער אומפארטייאישער מאשינערי.

די אויבענדערמאהנטע רעקאמענדא־ציעס זאלען אויך אנגעווענדעט ווערען צו יענעם טייל פון די ביזנעס פון די מיט־גלידער פון דער אינדוסטריעל קאונסיל וועלכע ווערט אנגעפיהרט אין די אויט־סייד שעפער.

די וויכטיגקייט פון דאס פארגעשלאגע־נע קאן בעסער פארשטאנען ווערען, אויב מ'זאל זיך צוקוקען צו אייניגע פאקטען, וואס זיינען ארויסגעבראכט געווארען פון דער ספעשעל אינוועסטיגיישאן מיט א יאהר צוריק. מען דארף געדענקען, אז כאטש אין דעם היגען מארקעט זיינען דא בלויז עטוואס מעהר ווי 200 דזשאבערס טוען זיי אבער יעהרליך ביזנעס אויף 250 מי־ליאן דאלאר און וואסערע 1200 שעפער ארבייטען פאר זיי. און כאטש אין דורכ־שניט ארבייטען בלויז 6 סובמאנופעקטשו־רינג פאר יעדען דזשאבער, אבער אפילו דער קלענסטער דזשאבער האנדעלט מיט פיל מעהר. גרויסע דזשאבערס האנדלען אפט מיט הונדערט אדער מעהר סוב־מאנופעקטשורערס. דיזע איבערראשענדע ציפערן אין טיילונג צוליב דער גרויסער

אומרעגעלמעסיקייט אין דעם איינקויף פון סעמפעלס. עס איז אויך צוליב דעם וואס פילע קליינע ארדערס ווערען צעווארפען. דאס אלעס וואלט אפגעשטעלט געווא־רען אונטער דער באגרעניצונג סיסטעמע.

די אויספארשונג האט באוויזען אין די פעלע פון דזשאבערס וועמעס רעקארדס זיינען אונטערזוכט געווארען, אז א דורכשניט פון 86.3 פראצענט פון די ארבייט פון יעדען דזשאבער איז ארויס־געגעבען געווארען אין דורכשניט צו 18.5 פראצענט פון די צאהל סוב־מאנופעקטשו־רערס וואס מאכען פאר איהם ארבייט דורכ'ן יאהר. דאס ווייזט אז אפילו איצט פארלאזען זיך איינצעלנע דזשאבערס מיט דעם גאר גרעסטען טייל פון זייער ארבייט פארהעלטניסמעסיג אויף א קליינער צאהל סובמאנופעקטשורערס.

די אינסייד שעפער

כאטש די אינסייד שעפער גיבען ארויס בלויז איין העלפט פון דער פרא־דוקציע איז אבער זייער פאזיציע אין דער אינדוסטריע פון דער העכסטער וויכ־טיגקייט. אין דעם ענין פון ארבייטס־קאנדיציאנען האלטען זיי אן סטאנ־דארדס, וועלכע ווערען מעהרסטענס דורכגעפיהרט און אין די אויטסייד שע־פער—מעהרסטענס ניט. אין דעם ענין צו מאכען ווירקזאם די איינגעפיהרטע אינסטיטושאנס, ווי די דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל, די אומפאר־טייאישע מאשינערי און דעם ארבייטס־לאזען פאנד, טראגען זיי ביי אם ווע־ניגסטען זייער פולען חלק.

פון דעם ארבייטערס שטאנדפונקט איז די ערנסטע פראבלעמע מיט די אינ־סייד שעפער דאס, וואס זייער טענדענץ אין די לעצטע יאהרען איז צו פאר־קלענערען זיך סיי אין גרויס און סיי אין צאל. ווי עס איז שוין אנגעצייגט געווארען, ווערען זיי פון דער זייט פון דער דזשאבינג־סוב־מאנופעקטשורינג סי־סטעם, וועלכע ברענגען אויס זייערע נאר־מענטס אויף דעם זעלבען מארקעט, אונ־טערווארפען, אין פילע פעלע, צו א ניט־גערעכטער קאנקורענץ.

אן אנצייגנים (אינדעקס) צו דיזער לאגע קאן מען געפינען אין דעם פאקט, וועלכער איז ארויסגעבראכט געווא־ען פון דער ספעשעל אינוועסטיגיישאן, וואס פון 1916 ביז 1924 זיינען די צאל שעפער פון די מאנופעקטשורערס' פרא־טעקטיוו אסאסיאיישאן (איצט די אינ־דוסטריעל קאונסיל) אראפגעפאלען פון 440 צו 188 און דער צאל פון די אר־בייטער איז געפאלען פון 21,604 צו 7,438. דאס מיינט אויך אז אין דורכ־שניט איז דער צאל ארבייטער פער אינ־סייד שאפ געפאלען פון 49 ביז 40.

אז דאס איז אן ערנסטע זאך פאר די ארבייטער איז שוין באוויזען גע־ווארען פון די נאר וואס געבראכטע צי־פערען. אין דעם אינסייד שאפ זיינען די סאניטארע צושטענדע בעסערע. די פארלעצונג אין באצוג צו שטונדען און ווייזדזשעס זיינען א זעלטענהייט און מיספארשטענדניסע ווערען ניכער בא־ריכטעט און אויסגעגליכען. די ראטע פון שבירות זיינען דורכשניטליך העכער און, וויכטיגער פון אלעס, דער דורכ־שניט צאל פון ארבייטס־שטונדען דורכ'ן יאהר איז אויף 38 פראצענט העכער, ווי אין די אוטסייד שעפער.

דיזער פאקט איז פאלשטענדיג אנ־ערקענט פון דער יוניאן און יעדער אר־בייטער באזונדער וואלט בעסער געוואלט זיין פארבונדען מיט אן אינסייד שאפ. קיין זאך וואלט ניט געווען אזוי ניצ־ליך פאר די ארבייטער, ווי א פארגרע־סערונג סיי אין צאל און סיי אין גרויס פון די אינסייד שעפער. האבענדיג דאס אין זינען, ווייזט אויס ניט מעהר ווי פארנינפטיג אז אין דער אנווענדונג פון די איצט עקזיסטירענדע רעגולי־שאנס זאלען געמאכט ווערן געוויסע פאר־גרינגערונגען. אונטער די איצטיגע בא־דינגונגען פארלירען די רעגולירונגען פאר די ארבייטער אלץ מעהר אין ווערט, ווייל אלץ מעהר פון זיי ווערען גע־צוואונגען צו זוכען באשעפטיגונג אין די אוטסייד שעפער. אין יענער סיסטעם (די אוטסייד שעפער) זיינען דורכ'ן לעצטען יאהר 5,700 ארבייטער ארויס־געווארפען געווארען פון זייער באשעפ־טיגונג דורך דעם וואס עס האבען זיך געשלאסען די שעפער וואו זיי האבען געארבייט. דאס איז בלויז עטוואס ווע־ניגער ווי דער גאנצער צאהל ארבייטער וואס איז באשעפטיגט אין די שעפער פון דעם אינדוסטריעל קאונסיל, וואו עס האבען זיך געפונען 6,966 ארביי־טער.

די קאמישאן גלויבט אז עס איז דא א גרויסע נויטווענדיגקייט עס זאל גע־געבען ווערען מעהר ערמוטיגונג צו דער אינסייד סיסטעמע פון פראדוקציע און צו גרעסערע פראדוקציאן איינהייטען (שעפער) אין דער גאנצער אינדוסטריע. פירמעס וועלען זיין ניכער גרייט צו פארגרעסערען די צאל פון זייערע אר־בייטער אויב זיי וועלען האבען א גע־וויסע פארזיכערונג אז זיי קאנען שטע־

רעפּאָרט פון גאווערנאר'ס קאמישאן אין דער ניו יארק קלאוק אינדוסטרי

מאי דעם 20טען, 1926.

דעם גאווערנאר'ס אדוויזארי קאמיסיע אין דער קלאוק-, סוט- און סקוירט-אינדוסטריע פון דער שטאדט ניו יארק איז באשטימט געווארען פון גאווערנאר אלפרעד ע. סמיטה, דעם 16טען דזשון, 1924. די קאנטראקטען צווישען די פארשידענע צדדים זיינען אויסגעגאנגען דעם 1טען דזשון; די אינסייד מאנופעקטשורערס האבען אויפגעגעבען זייער אינדאסטריעל - דעפּארטמענט; די יוניאן האט ארויסגעשטעלט א רייהע פאדערונגען, וועלכע די דזשאבערס און די מאנופעקטשורערס האבען זיך אפּגעזאגט אנצונעמען, און עס האט אויסגעזעהען, אז די גאנצע אינדוסטריע שטעהט פאר דער געפאהר צו צעריסען ווערען. גאווערנאר סמיטה איז געבעטען געווארען ער זאל זיך אריינמישען און באשטימען א קאמיסיע וועלכע זאל העלפען די צדדים אויף א פריינדליכען אופן איינצואָרדנען זייערע שטרייטיגקייטען.

די קאמיסיע איז באשטימט געווארען אין דזשון, און אין דזשולאי, נאך א ברייטען פארהער, האט זי געמאכט געוויסע פארלויפיגע רעקאמענדאציעס, און האט פארשפּראכען צו מאכען דורך עקספּערטען אן אויספארשונג אין געוויסע שטרייטענדע פראגען, וועלכע זיינען געווען מעהר פארוויקעלט.

עס זיינען דאן, מיט דער קאמיסיעס צושטימונג, פאראהנדעלט געווארן קאנטראקטען און זיינען אונטערגעשריבען געווארען פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן און פון די דריי אסאסיאיישאנס: די מוירטשענטס ליידיס גארמענט אסאסיאיישאן (וועלכע רעפּרעזענטירט די דזשאבערס אדער סמאל הייזער); די אינדאסטריעל קאונסיל אף דהי קלאוק, סוט ענד סקוירט מאנופעקטשורערס פּראטעקטיוו אסס'ן; (וועלכע רעפּרעזענטירט די אינסייד שעפּער); און די אמעריקאן קלאוק ענד סוט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן (וועלכע רעפּרעזענטירט די סאב-מאנופעקטשורערס). דיזע קאלעקטיווע אפּמאכען, וועלכע זיינען גאראנטירט דורך די אסאסיאיישאנס, אז זיי וועלען דורכגעפיהרט ווערען, האבען פארשפּראכען א געוויסע מאס פון רעגעלמעסיגקייט און ארדנונגען, און אן אומפּארטייאישע מאשינערי איז אויפגעשטעלט געווארען אויף צו שליכטען די צוויסטיגקייטען, וועלכע וועלען, מעגליך, ארויפשווימען צווישען די ארגאניזאציעס.

די אינוועסטיגיישאן, וועלכע די קאמיסיע האט פארשפּראכען, איז זיך אנגעגאנגען און איהר רעפּארט איז אפּגעדרוקט געווארען אין ספּרינג פון 1925*). עס איז ביי קיינעם ניט געווען קיין צווייפעל וועגען דער ריכטיגקייט און די פינקטליכקייט פון דעם רעפּארט.

עס זיינען אפּגעהאלטען געווארען לאנגע פארהערען וועגען דעם וואס דער רעפּארט האט אויסגעפונען אין צוזאמענהאנג מיט די פארוויקעלטע פארהעלטניסע אין דער אינדוסטריע און וועגען די נייע פארלאנגען, וואס די פאראינטערעסירטע צדדים האבען ארויסגעשטעלט און געבעטען אז די קאמיסיע זאל רעקאמענדירען צו זיי א הילפס-מיטעל. די לאיערס האבען צוגעשטעלט שריפטען, וועלכע האבען פארזיכטיג און פעהיג פארגעלייגט די אנזיכטען פון די געגנערישע צדדים. פיל ליכט איז געווארפען געווארען אויף דעם אופן פון דער ארגאניזאציע פון דער אינדוסטריע און אויף פארשידענע אנגעלעגענהייטען אין דעם שטרייט.

נאך לאנגען נאכטראכטען האט די קאמיסיע, אין דזשון, 1925, באשלאסען צו באגרענצען זיך מיט דערוויילינגע רעקאמענדאציעס. ניט אכטענדיג אויף דער פאלקאמענהייט פון דעם רעפּארט פון דער ספּעשעל אינוועסטיגיישאן, אויף דעם גוויסען סטענאגראפישען רעקארד פון די פארהערען, אויף די שריפטען פון די לאיערס, האט די קאמיסיע נאך אלץ געפיהלט, אז זי מוז איינינגע פּראבלעמען, וואס שטעהען פאר דער אינדוסטרי, נאך מעהר באטראכטען און מעהר דיסקוטירען, באזונדערס יענע פּראבלעמען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער סיסטעם פון דער אויססייד פּראדאקשאן. די קאמיסיע האט דעריבער רעקאמענדירט, צו באנייען דעם קאנטראקט אויף נאך א יאהר, מיט געוויסע ענדערונגען וועגען צאהלען פון ארבייטסלאזען אינשורענס און עטליכע ענדערונגען אין די פאראהנדלונגען צווישען די דזשאבערס און סאב-מאנופעקטשורערס — די אינסטיטוציע פון

*) רעפּארט פון אן אינוועסטיגיישאן פון דזשאהן דיקינסאן און מאריס קאלטשין, מיט ספּעציעלע רעפערענס צו געוויסע שטרייטיגע אנגעלעגענהייטען, וואס זיינען פאר דער קאמיסיע. (ניו יארק איווניגג פּאסט דזשאב פּרינטינג אפיס, 164 זייטען).

די לעצטע רעקאָמענדאציעס פון גאווערנאר סמיטה'ס קאמיסיע אין דעם סכסוך צווישען דער יוניאן און די קלאוק באלעבאטים.

געט יארדיידזש און דאס אפּשאפען פון דיסקאונטס. די קאמיסיע האט רעקאמענדירט מען זאל איינשטעלען א ביורא אף ריסוירטש און די פילע רעפּארטען, וואס זיינען אונטער איהר אויפזיכט פארעפענטליכט געווארען,*) האבען געווארפען נאך מעהר ליכט אויף די באדינגונגען אין ... אינדוסטריע.

די קאלעקטיווע אגרימענטס האלטען איצט ביים אויסגעהן און נייע מוזען פאראהנדעלט ווערען. נאך א שטודיום פון דער אינדוסטריע אין א משך פון צוויי יאהר, דענקט די קאמיסיע, אז זי איז אין א לאגע צו ריידען מיט א געוויסען אויטאריטעט וועגען געוויסע שלעכטע זאכען, ווי זיי ווייזען זיך אויס צו אן אומפּארטייאישער קערפּערשאפט, און צו רעקאמענדירען פּאסיגע רעפארמען אין דעם, וואס די קאמיסיע געהט זאגען, וועט ניט געמאכט ווערען קיין פארזוך צו פארמולירען רעקאמענדאציעס, וועלכע זאלען זיין גאנץ און פול אין זייערע דעטאלען אדער אנצוצייגען פונקטען, וועלכע זאלען אריינגענומען ווערען אין די קאנטראקטען צווישען די פאראינטערעסירטע צדדים. די קאמיסיע וועט אנאליזירען און אויסדריקען איהר מיינונג וועגען דער אלגעמיינער לאגע און וועט מאכען רעקאמענדאציעס אנצייגענדיג דעם וועג אויף וועלכען די קאמיסיע דענקט, אז די לאגע קאן פארבעסערט ווערען.

די דערגרייכונגען פון אמאל.

די קלאוק און סוט אינדוסטרי איז איינע פון די גרעסטע אין דעם סטייט. דער יעהרליכער ווערט פון דעם פּראדוקט אין דעם מעטראפּאליטאן דיסטריקט (דאס מיינט, אין ניו יארק) איז מעהר ווי א דריטעל פון א ביליאן דאלאר, און שטעלט מיט זיך פאר אן ערך פיער-פינפטעל פון דער פּראדוקציע פון גאנצען לאנד. אין דעם מעטראפּאליטאן שטח זיינען מעהר ווי 35,000 ארבייטער און 2000 פירמעס און קארפּאריישאנס באשעפטיגט אין דער פּראדוקציע.

די פונדאמענטאלע פּראבלעמען אין דער אינדוסטריע זיינען זעהר שווערע. קיין צווייפעל ניט, אז פארבעסערונגען פאר דער צוקונפט קענען געפינען ווערען אין די דערגרייכונגען פון דער פארגאנגענהייט.

מיט איין דור צוריק איז דאס געווען א סוועט-שאפּ אינדוסטריע, וואס איז געווען כאראקטעריסטיש מיט דער ארבייט פון פרויען און קינדער אין דער היים, מיט ניט קיין רעגולירטע שטונדען, מיט דעם וואס עס זיינען קיינע סאניטארע סטאנדארדס ניט געווען, מיט דעם וואס עס איז כמעט נאר קיין ארגאניזאציע ניט געווען און מיט שלעכטע באהאנדלונגען, וועלכע זיינען צופיל צו באשרייבען. עס איז געווען זעהר נויטיג צו פאראייניגען די כחות, וואס זיינען אפּהענגיג איינע אן די אנדערע. ביז א געוויסען גראד איז דאס דערגרייכט געווארען.

היינט צו-טאג זיינען ביי ניינציג פּראצענט פון די ארבייטער ארגאניזירט אין דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

דער אינדאסטריעל קאונסיל (די אינסייד מאנופעקטשורערס) האט 184 מיטגלידער, וועלכע רעפּרעזענטירען מעהר ווי זיבעציג פּראצענט פון דער ארבייט, וואס ווערט געמאכט אין אינסייד שעפּער.

די מוירטשענטס ליידיס גארמענט אסאסיאיישאן האט 127 מיטגלידער,

*) רעפּארט און איבערזיכט וועגען דעם רעדזשיסטריישאן און דיסבוירסמענט אפיס פון דעם אנעמפּלוימענט אינשורענס-פאנד, פון מאריס קאלטשין, 22 זייטען.

וויידזשעס און וויידזש-סקיילס, 1925, פון מאריס קאלטשין — 63 זייטען.

עמפּלאימענט ענד אורנינגס אף וואירקערס, 1925, פון מאריס קאלטשין — 87 זייטען.

וועלכע רעפּרעזענטירען פולע 75 פּראצענט פון די ביזנעס וואס ווערט געטאן פון די דזשאבערס.

די אמעריקאן קלאוק ענד סוט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן האט 847 מיטגלידער, וועלכע רעפּרעזענטירען מעהר ווי 70 פּראצענט פון די ביזנעס, וואס ווערט געמאכט ביי סאב מאנופעקטשורערס.

אט די אלע ארגאניזאציעס האבען געטאן ביזנעס אונטער קאלעקטיווע אגרימענטס, וועלכע האבען איינגעשטעלט פריינדליכע פארמיטלונגען אין פאל פון א דיספּיוט. זיי האבען פאר דעם צוועק אויפגעבויט א ווירקזאמע מאשינערי, אויף דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאנען א שטענדיגער אומפּארטייאישער טשערמאן, מיט דער פולער אויטאריטעט אויסצוגלייכען די סכסוכים, וואס קומען אויף פון די קאלעקטיווע אגרימענטס. א באווייז, אז די מאשינערי האט געארבייט גוט, איז דער פאקט, דאס פון די טויזענטער סכסוכים, וועלכע קומען פאר אין די פארשידענע שעפּער אין פארלויף פון א יאהר, זיינען מעהר ווי 95 פּראצענט געשליכטעט געווארען צווישען די קלוירקס און די מענעדזשערס. בלויז די מעהר פארוויקעלטע סכסוכים זיינען דערגאנגען דעם אומפּארטייאישען טשערמאן און אין דיזע פעלע זיינען זיינע ענטשיידונגען אנגענומען געווארען.

אין דער צווישען צייט איז אין די שעפּער, וועלכע זיינען געווען באריהרט פון די סכסוכים, די ארבייט אנגעגאנגען אהן ערנסטע איבעררייסען.

אזוי ווייט צוריק, ווי אין 1910, איז געשאפען געווארען די דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל. דיזע באארד, ווי דער נאמען צייגט אן, ווערט פארוואלטעט און פינאנסירט מיט דער קאאפּעראציע פון די אלע ארגאניזירטע פאקטארען אין דער אינדוסטריע. זי האט געטאן א פּיאנערען ארבייט און דערהויבען די סאניטארע סטאנדארדס פון דער אינדוסטריע און פארבעסערט דעם געזונד פון די ארבייטער. איהרע מעטאדען פון אונטערזוכונג און פארשונג און איהרע באשטרעבונגען צו פארמיידען עקסידענטען און קראנקהייט האבען געדינט אלס מאדעלען אין דיזען לאנד און אין דער פרעמד. עס מוז געזאגט ווערען, צו דעם קרעדיט פון די פארשידענע פאקטארען אין דער אינדוסטריע, דאס כאטש די לעצטע פופצעהן יאהר זיינען באצייכענט געווארען מיט פילע שטרייטיגקייטען, וועלכע האבען פון צייט צו צייט דערגרייכט צו א קרייזיס-פונקט, האבען זיי פונדעסטוועגען קיינמאל ניט פארלארען זייער אינטערעס אין דער באארד, נאר האבען עס פארטגעזעצט, אונטער א פעהיגער אומפּארטייאישער פארוואלטונג, נאך מיט פארגרעסערטע מעגליכקייטען פאר די נוצען פון דער גאנצער אינדוסטריע.

ווי עס איז שוין געזאגט געווארען, האט דעם גאווערנאר'ס אדוויזארי קאמישאן רעקאמענדירט פארשידענע קאנסטרוקטיווע מיטלען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען פון די צדדים. אין דעם געהט אריין די אפּשאפונג פון די פיקטיווע דיסקאונטס און אנדערע זאכען וואס האבען געשאפען רייבונגען צווישען די דזשאבערס און די סאב-מאנופעקטשורערס; די אננעמונג פון דעם סאניטארי לייבעל; די אנשטעלונג פון א פערמאנענטען אומפּארטייאישען טשערמאן, און די עטאבלירונג פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד, וואס ווערט אויפגעהאלטען פון די ארבייטער און ארבייטסגעבער, וועלכער האט שוין אויפגעזאמעלט איבער צוויי מיליאן דאלאר. עס איז זיכער, אז פון אן אינדוסטריע, וואס האט זיך שוין געראנגעלט מיט אזוי פיל פּראבלעמען און האט אנגענומען אזוי פיל קאנסטרוקטיווע מיטלען, איז צו ערווארטען אז זי וועט האנדלען קלוג אין די שווערע פּראבלעמען וועלכע זיינען נאך געבליבען אומגעלייזט.

מיט דער מיטהילף פון אלע צדדים האט די קאמיסיע ארראנזשירט א שטודיום דורך עקספּערטען פון די מעהר שווערע פּראבלעמען אין דער אינדוסטריע, זייער אינוועסטיגיישאן און זייערע רעפּארטס זיינען געווען פון א פאלקאמען און וויסענשאפטליכען כאראקטער, ווארפענדיג פיל ליכט אויף דער לאגע. לעצטען אסיען איז, אויף דעם פארשלאג פון דער קאמיסיע, עטאבלירט געווארען א פערמאנענטע ריסוירטש ביורא. דיזע ביורא האט, אויסער די אנדערע שאצבארע דינסטען, דעם מאטעריאל פון דער ספּעשעל אינוועסטיגיישאן דערפירט ביז צום היינטיגען טאג. די איצטיגע אנאליזען פון די קאמישאנערס זיינען באגרינדעט אויף די רעפּארטען פון דער ספּעשעל אינוועסטיגיישאן קאמיטע און פון דער ריסוירטש ביורא, ווי אויך אויף די פילע אויסזאגונגען וואס די פארשטעהער פון די פיער ארגאניזאציעס האבען געמאכט און אויף די ארגומענטען און שריפטען פון זייערע לאיערס.

דער וואוקס פון די דזשאבינג-סאב-מאנופעקטשורינג סיסטעם.

צוליב דער סטייל און די פילפאכיגקייט פון די פּראדוצירענדע פלעצער, איז די אינדוסטריע פון א שטארק קאנקורירענדען און הויך-בייטענדען כאראקטער. דיזע כאראקטעריסטיקס זיינען אין די לעצטע יאהרען געווארען מעהר דייטליך. די פאסאנען אין די שטאפען, קאלירען און דעזיינס, זיינען געווארען מעהר פארשידענארטיג. פארשידענע פאקטארען האבען זיך צוזאמענגעבונדען צו מאכען די קויפערס פון פרויען קליידער איבער'ן גאנצען לאנד מעהר פיהלבאר ווי אמאל צו די פארשידענע ענדערונגען, וואס קומען פאר אין דער מאדע. דיזער פאקט, צוזאמען מיט אנדערע פאקטארען, ווי די העכערע פרייזען פון מאטעריאלען און טרימינגס, האט געמאכט א רעוואלוציע אין די מעטאדען פון די ריטיילערס. ווערענד אמאל פלעגען די ריטיילערס דעם גרעסטען טייל פון זייערע ארדערס געבען אין פאראויס, האלטען זיי זיך איצט צוריק ביז דעם לעצטען מאמענט צוליב ביידע זאכען, אי כדי זיי זאלען ווייניגער קאפּיטאל דארפען האלטען פארבונדען (אין די סחורה), אי כדי צו זיין זיכער צו באקומען נאר אזעלכע מאטעריאלען און סטיילס וועלכע האבען פעסטגעשטעלט זייער פּאפּולאריטעט (ביי די קויפער) אין דעם געהענדען סעזאן.

די ווירקונג פון דיזע טענדענצען איז געווען, אז עס האט אויסגעאיבט א שטארקען דרוק אויף דעם ניט רעגולירטען מארקעט פון די מאנופעקטשורערס צו שאפען אן אנשטרענגענדען קורצען סעזאן פון פּראדוצירען, וועלכער ווערט נאכגעפאלגט מיט פילע חדשים פון שטילשטאנד. דיזער אומגעזונטער אומבייט פון ארבייט- און לעדיג-געהן סעזאנען איז נאך פארערגערט געווארען דורך דעם איבערבייט אין דער געבוי פון דער סיסטעם פון פּראדוקציע, וועלכער איז פארגעקומען אין די לעצטע צעהן יאהר.

מיט צעהן יאהר צוריק איז די אינדוסטריע ארויסגעוואקסען פון די אלטע סוועט-שאפּ קאנדיציעס, ביי וועלכע די מעהרסטע ווירקליכע ארבייט איז געטאן געווארען אין די היימען פון טענעמענט-הייזער. די מאנופעקטשורינג איז קאנצענטרירט געווארען אין גרויסע „אינסייד" שעפּער פון ארבייטסגעבער, וועלכע זיינען געווען דירעקט פאראנטווארטליך סיי פאר די מאנופעקטשורינג פון דעם פּראדוקט, סיי פאר דעם פארקויף. אבער זינט יענער צייט, האט שטופּענווייז דעם פּלאץ פון דעם אינסייד מאנופעקטשורער פארנומען דער אזוי גערופענער דזשאבער. דאס האט פּראגרעסירט אזוי ווייט, אז ביי דריי-פערטעל פון דער פּראדוקציע געהט איצט דורך דורך דער נייער דזשאבינג-סוב-מאנופעקטשורינג סיסטעם.

דיזע סיסטעמע איז אויסגעוואקסען טיילווייז אלס א מיטעל אויסצומיידען די פאראנטווארטליכקייט צו די ארבייטער און טיילווייז, אלס א צופּאסונג צו די נייערע מעטאדען פון דעם ריטיילער.

אן אינסייד מאנופעקטשורער באשאפט סטיילס, ער באשעפטיגט א שטענדיגען „סעט" ארבייטער און זוכט, ווי ווייט מעגליך, צו קריגען פאראויס באשטעלונגען פון די ריטיילערס, לייגענדיג זיין הויפּט אויפמערקזאמקייט אויף דער קוואליטעט פון דער פּראדוקציע.

דער דזשאבער אין דער קלאוק- און סוט-אינדוסטריע איז גאנץ אנדערש פון דעם דזשאבער אין אנדערע אינדוסטריעס. אנשטאט צו זיין בלויז א האלסייל פאר-

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President. A. BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 22 New York, Friday, May 28, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

רעו פון די אססאסיאיישאנס, נאר אויך ביי די עלעמענטען וואס מאכען א לעבען פון דער אינדוסטריע. אזוי ווי די אססאסי־איישאן פינאנסירט די אומפארטייאישע מאשינערי, שיינט פאר דער קאמיסיע צו זיין ניט מעהר ווי רעכט, אז דעם גרעסטען טייל פון די אויסגאבען פון דער ביורא זאל דיסקירט זאל געדעקט ווערען ביי די אינ־דעפענדענטס. דיזע ארגאניזאציעס וואל־טען געהאט נאר דעם פארטייל, וואס עס וואלט געגעבען די אינדעפענדענטס א גרעסערען אינטערעס אין דער אינ־דוסטריע אלס גאנצע.

אזא ביורא וואלט פון צייט צו צייט געמאכט אזעלכע סטאטיסטישע און אנדערע אונטערזוכונגען, וועלכע וואל־טען געווען ווינשענסווערט, און וואלט אויפבויען אזא מין קערפערשאפט פון אינפארמאציע ארום דער אינדוסטריע, וועלכע וועט העלפען, אז פראבלעמען פון ארבייטסלאזיגקייט, פראדוקטיוויטעט און ווירדישעס זאלען באהאנדעלט ווערען מעהר אינטעליגענט.

שלוס

די קאמיטע איז געווען נאהענט צו צוויי יאהר אין נאהענטער באריהרונג מיט דער אינדוסטריע. איהרע מיטגלידער הא־בען אוועקגעגעבען פיל צייט און פיל נאכ־געדענקט וועגען איהרע (דער אינ־דוסטריעס) פראבלעמען, פון וועלכע איי־ניגע זיינען זעהר קאמפליצירטע. דיזע פראבלעמען זיינען פאלשטענדיג אויסגע־פארשט געווארען פון אומפארטייאישע אינוועסטיגייטארס אויף א גרעסערען מאסשטאב, ווי אין די מעהרסטע אינדו־סטריעלע אויספארשונגען. די שטארקע קריטיק, וואס איז אויבען ארויסגעזאגט געווארען וועגען געוויסע עקזיסטירענדע באדינגונגען, דארף, זעלבסטפארשטענד־ליך, ניט גענומען ווערען אלס פער־זענליכע. דאס באציהט זיך בלויז אויף די שעדליכע לאגעס וואס האבען זיך אנטוויקעלט און פאר וועלכע קיין בא־זונדערע גרופע אין דער אינדוסטריע איז ניט פאראנטווארטליך.

אין פארשיידענע צייטען דורך די צוויי יאהר האט די קאמיסיע געמאכט גע־וויסע פארשלאגע וועלכע זיינען אנגענו־מען געווארען און זי גלויבט אז איינינע פון די דאזיגע ענדערונגען האבען שוין ארויסגעוויזען זייער דויערענדען ווערט. דורך די לעצטע צוויי יאהר זיינען די אונ־טערברעכונגען אין דער אינדוסטריע, אויסער די וואס זיינען געווען צוליב דעם סעזאנעם כאראקטער פון דער אינ־דוסטריע, געווען פון קלענערער באדיי־טונג, קורצע און איינצעלנע. די אומפאר־טייאישע מאשינערי האט געארבייט ווירקזאם, אבער לויט דער באגרענעצטער צייט דארפען די אפמאכען אין גיכען אויסגעהן און די אלע צדדים דארפען איצט קאנפערירען וועגען די באדינגונגען פון א נייעם קאנטראקט.

די רעקאמענדאציעס, וואס זיינען אויבען געמאכט געווארען, האבען אויס־געשטעלט אין אלגעמיינע טערמינען די איינארדנונגען און די מאדיפיצירונגען פון די עקזיסטירענדע פארהעלטניסע אויף וועלכע, די קאמיסיע האפט, מען וועט איינגעהן אין די נייע קאנטראקטען. דיזע רעקאמענדאציעס זאלען ניט באטראכט ווערען אלס באזונדערע הילפס־מיטלען צו פארשיידענע לאגעס; די קאמיסיע פאר־לאנגט, אז זיי זאלען באטראכט ווערן אלס איין גאנצע — אלס א פראגראמע וועלכע אויב זי וועט אנגענומען ווערען וועט פיה־רען צו אן אלגעמיינע פארבעסערונג פון די עקזיסטירענדע צושטאנדען אין דער אינדוסטריע.

דעם גאווערנאר'ס קאמיסיע איז גע־ווען, ווי איר נאמען באצייכענט, א „ראט־געבענדע" קערפערשאפט; זי האט ניט ארביטרירט, זי האט בלויז פארמיטעלט. די אויבען אנגעגעבענע רעקאמענדאציעס ווערען דרינגענד פארגעלעגט פאר די פאראינטערעסירטע צדדים אין דער האפנונג אז די עהרליכקייט און ריכטיגער געדאנק פון די פארשלאגען וועלען צו זיי אפעלירען און וועלען אנגענומען ווערען. אויב די רעקאמענדאציעס וועלען אין פרינציפ אנגענומען ווערען, וועט די קא־מיסיע איינשטימען, אויב עס וועט פון איהר פארלאנגט ווערען, צו דינען אלס אן ארביטרירענדע קערפערשאפט און צו בא־שליסען וועגען די ספעציעלע פונקטען, וועלכע זאלען איינגעשלאסען ווערען אין די קאנטראקטען, אום צו מאכען, אז די רעקאמענדאציעס זאלען זיין ווירקזאם. דער באשלוס פון דער קאמיסיע וועגען דיזע פונקטען זאל זיין בינדענד פאר די צדדים, וועלכע וועלען איינשטימען צו ארביטריישאן. אויב ניט, רעכנט די קא־מיסיע, אז מיט דער צושטעלונג פון דיזען לעצטען רעפארט איהרען האט זיך איהר ארבייט געענדיגט.

מיר ווינשען אויסצודריקען אונזער אפ־שאצונג פאר דער פול־הארציגע קאאפע־ראציע און שטיצע, וואס מיר האבען צו יעדער צייט באקומען פון די פיהרער פון די פארשיידענע גרופען אין דער אינ־דוסטריע, פון זייערע לאיערס און פון די מענעדזשערס פון די פארשיידענע אססאסיאיישאנס.

דעם גאווערנאר'ס אדוויזארי קאמישאן אין די קלאוק, סוט און סקוירט אינדוסטרי.

דזשארדזש גארדאן בעטל, טשערמאן.
הערבערט ה. לעהמאן.
בערנארד ל. שיענטאג.
לינדסעי ראדזשערס.
ארטהור ד. וואלף.

א רעטער אין דער נויט

(פון דייטש) (הומארעסקע)

פון ה. פ.

דער מענש דארף זיין איידעל, דארף זיין בייהילפיג, דארף זיין גוט! דאס איז א שעהנע מידה, גאר א שעהנע! איך אבער וועל אין דעם הינזיכט מעהר גאר־נישט טאן. איך האב שוין גענוג! איך בין ערשט פאר א קורצער צייט געווען גאר איידעל, באהילפיג און גוט און מעהר וויל איך נישט! מיט אזעלכע מידות קאן מען באקומען א גאנץ שארפען שנעל איז גאז, איך האב איצט א פנים פון חוזק.

די מעשה איז זיך פארלאפען, בעת איך האב געמאכט א שפאציר אין וואלד. דער טאג איז געווען א וואונדער שעהנער.

ווען איך האב אזוי אויפגעלעגט און איינזאם געשפאצירט אין סודות־פולען וואלד, פארנומען דאס טרעלען פון די פויגעל און בין באהערשט געווארען פון דערהויבענע געפיהלען, האט מיטאמאל צו מיר אהערגעקוקט א וואלד־גייסט. אין דעם אויגענבליק בין איך מעהר נישט געווען איינזאם, ווייל דארט ביים עק וואלד איז אויף אן אומרערהערט־ראמאנטישען בוים־ווארצעל געזעסען א יונג מיידעל. זי איז געווען בלאנד, בא'חנ'ט, טאקע מלא חן. דא איז אלזא געזעסען דאס מיידעל און געקוקט פאר'חלומ'ט אין חלל. איך אבער בין געשטאנען נישט ווייט פון דעם ארט און האב געוואלט באטראכטען ווי ס'גע־הער צו זיין דאס דאזיגע פאעטישע בילד. דא אבער האב איך באמערקט אונטער א דיק בוים עפעס א מענספארשוין.

„וואס איז דאס עפעס פאר א אנגע־לויף פון מענשען?" — האב איך זיך געפרעגט.

איך האב אבער נישט באוויזען ווייטער צו שפינען מיינע געדאנקען, ווייל — א, גאט! — עס איז געשען עפעס שרעקליכעס און איך בין מיט אמאל גע־בליבען אינמיטען פון א נערוועו־רייסענ־דיגע סיטואציע. עס לויפט מיטאמאל אן אן אויטאמאביל, שטעלט זיך אפ מיט א ירגזון. דאס מיידעל ווארפט א בליק אויף דעם אויטא, שפרינגט אויף, שטארט אויס די אויגען און הייבט זיך אן טרייסלען. דא שפרינגען ארויס פון אויטאמאביל דריי חברה־לייט, איינער פון זיי פאר־שטאפט בליצשנעל דעם מיידעל'ס מויל מיט א טיכעל, די איבעריגע צוויי בינדען זי און ווארפען זי אריין, ווי א זעקעל מעהל, אינ'ם וואגען.

איך בין פארבליפט. אבער שוין אין צווייטען אויגענבליק שניידט מיר אדורך אין קאפ א געדאנק:

„שטעה נישט! דא וועסטו טאקע גראד צונויף־קומען אויף צו פארמיידען א פארברעכען".

איך לאז זיך צום אויטא, באלד נאך מיר לויפט מיט לאנגע שפרייז דער מענש, וועלכער איז געלעגען אונטערן דיקען בוים. „בראוואָ"! — זאג איך צו זיך! — נאך א מיטהעלפער אין דער נויט! צוויי געגען דריי! אבער עס מוז געלינ־גען! טייערע, די הילף איז נאהענט!

אבער דעם שותף מיינעם איז געגאנ־גען שלים'מזל'דיג. ער איז געשטרויכעלט געווארען איבער א בייזוויליגען בוים־ווארצעל, ער איז געפאלען מיט א קראך אויף דער נאז און געבליבען ליגען!

איצט איז די גאנצע זאך אנגעוויזען בלויז אויף מיר! דער אויטאמאביל מיט זיין רויב לאזט זיך אין וועג אריין, איך האב מיט שטורם זיך געלאזט צום אויטא־מאביל און געשיקט ארויפגעשפרונגען צום שאפער.

„איהר אויסוואורפען! — שריי איך — אייער געמיין שטיקעל ארבייט וועט זיך אייך נישט איינגעבען! פאליציי!... פאליציי!"

דער שאפער שטעלט אויף מיר אויס א פאר אויגען, די דריי חברה־לייט מאכען מיט די הענט און פרואווען מיר עפעס זאגען, איינער פון זיי צעלאכט זיך אבער פלוצלונג אויפ'ן קול און פלאצט ארויס:

„לאזט איהם צורוה. ס'וועט אפשר אזוי אויך זיין גוט"...

דער אויטא מיט דער געבונדענער, וועלכע האט אויסגעזעהן צו ליגען אין חלשות לאזט זיך מיט א גלאפ. איך זידל די רוצחים, איך פרואוו ווירפען אויפ'ן שאפער ער זאל אפשטעלען דעם אויטא, איך כאפ איינעם ביים גארגעל — אבער עס העלפט נישט, דער אויטא לויפט ווייטער.

דא בליצט ארויס פאר אונז דער שפי־געל פון א גרויסען טייך. דער שאפער שטעלט אפ דעם אויטא, די דריי אויס־וואורפען שפרינגען ארויס אויפ'ן פעלד, כאפען דאס מיידעל און גרייטען זיך אויף אן אמת ארייצוווארפען די אומגליקלי־כע אין וואסער אריין. מיר ווערט דאס בלוט פארקילט אין די אדערען. אבער שוין אין צווייטען אויגענבליק קום איך צו זיך; איך ווארף זיך אויף די פארברע־כער, איך ראנגעל זיך מיט זיי, איך פאל אין וואסער אריין, אבער באלד דראפע איך זיך ארויס און דער קאמף הייבט זיך אן פון דאס ניי.

דא באשליסען זיך די מנוולים מיט מיר אויף אן אמת זיך אפצורעכענען. דריי רעוואלווערען גיבען מיר א בליץ פאר די אויגען. איצט ווייס איך, אז איך בין פארלוירען. עס דונערט און קראכט. איך האב אפגעציילט פיר און צוואנציג שאסען און וואונדער זיך, ווי אזוי א מענש קאן אזוי פיל אויסהאלטען. ביים אכט און צוואנציגסטען קנאל פיל איך, אז איך פארליר די כוחות און זינק אראפ צו דער ערד. אויפ'ן פלאץ שווימעלט עס פלוצ־לונג מיט מענשען. א גרעסערע גרופע, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך די דריי מיידעל רויבער, דערנעהענטערט זיך צו מיר, און איך באמערק אויף זייערע ליפען א צופרידען שמייכעלע. „וואסערע פארשטיינערטע הערצער! — געהט מיר אדורך א געדאנק — אבער זאלען די חברה־לייט זעהן, ווי אזוי א מוטיגער מענש קוקט דעם טויט גלייך אין די אויגען אריין.

איך רעד:

„מיינע הערען! אייער פרעהליכקייט איז נישט אנשטענדיג! עס דארף אייך נישט ריהרען דאס, וואס איך בין באזיגט געווארען. אבער דאס, וואס אייערע קוי־לען האבען מיך דורכגעלעכערט ווי א זיפ — דם דארף דאך לכל־הפחות אביסעל באאומרוהיגען אייער געוויסען. עס איז פאר מיר נאר א באפרידיגונג, וואס איך בין געפאלען אלס קרבן פון מיין הילפס־גרייטקייט. אדיע! טראגט זיך אפ און לאזט מיך רוהיג שטארבען!"

דא שטעלט זיך איינער פאר מיר פאר אלס רעזשיסאר און זאגט צו מיר אזוי:

„איך פארזיכער אייך, אז איהר זיינט אפילו אויף א האר נישט פארוואונדעט! ערלויבט מיר אייך אויסצודריקען אונזער דאנק און אייך מיטצוטיילען, אז אין די לעצטע צעהן מינוט זיינט איהר געווען דער מיטעל־פונקט פון א קינא־אויפנאמע! די אויפנאמע איז איין אויגענבליק געווען שטארק איינגעשטעלט, צוליב דעם, וואס אונזער הויפט־מיטשפילער איז דורך א נישט נעראכענעם שריט אין וואלד פלוצ־לינג אומגעפאלען. דאס, וואס איהר זיינט אזוי שנעל און ליבענסווירדיג „אריינגע־שפרונגען" אנשטאט דעם געשטרויכעל־טען, האט די סיטואציע פולשטענדיג גע־ראטעוועט. איהר האט מיט'ן אינסטינקט פון אן אמת־הילפסגרייטען מענשען פרעכ־טיג אדורכגעפיהרט אלע האנדלונגען, וועלכע דער מחבר האט פארגעשריבען דעם „רעטער". יא, איך מוז אפילו צו־געבען, אז צוליב דער נאטור־טרייישאפט שטעל איך העכער אייער שפילען פון דעם, וואס אונז האט געזאלט געבען דער הויפט־ארטיסט.

עס קומט אונטער דער דיכטער, דריקט מיר די האנט און זאגט:

„איך מיין הייסען דאנק! גאר בא־זונדער פאר אייער פאלען אין טייך אריין! איך האב דאס גארנישט פאראויסגעזעהן. עס וועט אבער זיכער לעבעדיגער מאכען די גאנצע סצענע".

דאס באפאלענע מיידעל שמייכעלט צו מיר:

„איהר זיינט געווען פרעכטיג! איך וואלט אייך איצט אומגעארעמט, ווען איר וואלט נישט געווען אזוי נאס!"

דא מישט זיך אריין דער דירעקטאר:

„מיר זיינען נאך נישט פארטיג. מיר דארפען נאך ארויפנעמען איינינע סצע־נעס. עס וואלט מיר געווען זעהר אנגע־נעם, ווען איהר וואלט וועלען פארטזעצען אייער גאסט־שפיל".

איך בין אויפגעשטאנען פון ארט:

„ענטשולדיגט, וואס איך מוז אפוואר־פען אייער פארשלאג. הגם איך האב פאר־גניגען דערפון, וואס איך בין נישט דער־שאסען. בין איך דאך א קאפעטשקעלע צו־נאס, כדי צו האבען דעם אמת'ן נחת־רוח פון מיין שוישפיל־קונסט. איר דארפט אייך נישט שכערען. איך וועל זיך אוועק־לעגען אויף דער זון".

(„וויענער ארב. צייט").

באארד און דירעקטארס פון קלאוקמאכער יוניאן דיסקוטירט דעם רעפארט פון גאווערנאר'ס קאמישאן

(שלוס פון זייט 1)

דירען און אנאליזירען דעם רעפארט; צו באטראכטען גאנץ גענוי יעדען פונקט וואס ער אנטהאלט און קומען צו א גענוי־ען שלוס, וואס עס ווערט דארט דער יו־ניאן געגעבען, און וואס ניט.

אויף א פארשלאג פון פרעזידענט זיג־מאן איז דער גאנצער רעפארט פון דער קאמישאן פארגעלעזען געווארען לעצטען פרייטאג אווענד, אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד, און די דעלעגאטען הא־בען גאנץ אויפמערקזאם זיך צוגעהערט, די גאנצע צייט וואס סעקרעטאר פיש האט פארגעלעזען. אבער דער דזשאינט באארד האט וועגען רעפארט קיין דיסקו־סיע ניט געמאכט. עס איז באשלאסען געווארען עס איבערצוגעבען צום באארד און דירעקטארס פון דער קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן.

דער באארד און דירעקטאר'ס האט אויפגענומען דעם רעפארט אויף א ספע־צעלער פארזאמלונג, מאנטאג בייטאג, אין קאנסיל רום פון אונזער אינטערנע־שאנאל בילדינג, און עס האט זיך אנגע־הויבען א לעבעדיגע דיסקוסיע וועגען די אלע פונקטען וואס דער רעפארט אנט־האלט. אויף איין זיצונג האט מען מיט דעם נים געקאנט פארטיג ווערען, און דער באארד און דירעקטארס וועט האבען א צווייטע ספעציעלע זיצונג, מיטוואך אווענט, אין דער צייט ווען אונזער צייט־טונג וועט שוין זיין אין פרעס.

אין דעם היינטיגען נומער „גערעכטיג־קייט" דרוקען מיר דעם פולען רעפארט, ווארט פאר ווארט, ווי ער שטעהט און געהט. מיר דרוקען דעם גאנצען דאקו־מענט, כדי אלע מיטגלידער פון דער יו־ניאן וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם שטרייט צווישען דער יוניאן און די אלע גרופען פון ארגאניזירטע קלאוק־מא־נופעקטשורער, זאלען קאנען לייענען און באגרייפען אלע רעקאמענדאציעס וואס די קאמישאן מאכט אין רעפארט. מיר האפען, אז די מיטגלידער אונזערע וועל־לען אויפמערקזאם לייענען דעם גאנצען רעפארט און נאכדעם פאסען זייער איי־גענע מיינונג וועגען די אלע רעקאמענדא־ציעס וואס עס ווערט דארט געמאכט. דעם רעפארט וועלען די לעזער געפינען אויף זייט 2, 3, 4 און 5 פון היינטיגען נו־מער.

אין דער זעלבער צייט געהט אן דער דזשאינט באארד מיט דער ארבייט, צו־צוגרייטען די יוניאן צו א גענעראל סטרייק, אין פאל דאס וועט דורכאויס זיין נויטיג.

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך, האט דער דזשאינט באארד בא־שטימט א ספעציעלע קאמיטע פארצו־בערייטען די מאשינערי פאר א גענעראל סטרייק. די קאמיטע האט אפגעהאלטען א זיצונג פאראכטאגען דאנערשטאג, דעם 20טען מאי און א צווייטע זיצונג דעם דינסטאג, דעם 25טען מאי. אויף די מי־טינגען ווערען דיסקוטירט די סטרייק־פלענער, עס ווערען ערוועהלט די טשער־לייט פאר די פארשיידענע טיילען פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע און עס ווערען אויפגעשטעלט די אלע סטרייק־קאמיטעס. אבער אויך וועגען דעם קאנען מיר דער־ווייל ניט זאגען קיין שום באשטימטעס.

אין אונזער באריכט לעצטע וואך, וועגען אט דער ספעציעלער קאמיטע, איז דורך א פארזעהן אויסגעלאזען געווארען דער מענעדזשער פון לאקאל 41, ברודער א. שעק, וועלכער באטייליגט זיך אין דער קאמיטע גלייך מיט די אנדערע מענע־דזשערס פון די לאקאלס וואס באלאנגען צום דזשאינט באארד.

וואס איז דער אונטערשיד צווישען גן עדן און די יוניטי הויז?

אט די טיפע פראגע איז געשטעלט געווא־רען צו א גרויסען פילאזאף. האט ער פאר־קנייטשט זיין צוקארטשעטען שטערען און גע־זאגט:

— וואס איז דער אונטערשיד? ס'גאנץ איינפאך. דער גן עדן, ווי די יוניטי הויז, איז זעהר פאפולער און באליבט.

— נו וואס איז דער אונטערשיד? — האט מען איהם ווידער געפרעגט.

— דער אונטערשיד איז, מאכט ער, דאס אין גן־עדן איז טאקע גאנץ גוט צו זיין, נאר... קיינער וויל נישט געהן אהין. אפילו דער גרעסטער צדיק קווינקעלט זיך, ווען ער דארף אהין געהן. אבער אין דער יוניטי הויז ווילען אלע געהן. אהין לויפט מען מיט פארגעניגען, נאך פארגעניגען. און פאר־געניגען איז דארט דא צו באקומען פלענטי גענוג!

איהר האט שוין איינגעפאקט דאס סעטשעל?

טער מאכען פארנינפטיגע ענדערונגען לויט דער פארערונג פון זייערע געשעפטען.

רעקאמענדירט דערפאר די קאמיסיע, דאס אויסער די פריווילעגיעס צו וועלכע עס איז צוגעשטימט געווארען אין די עקזיסטירענדע קאנטראקטען, זאלען אלע מאנופעקטשורינג עסטאבלישמענטס, וועלכע האבע א רעגולען פארם פון פינף און דרייסיג אדער מעהר ארבייטער, האבען א רעכט צו רעארגאניזירען זייערע שעפער איינמאל א יאהר, ביים אנפאנג פון סעזאן, מיט דעם באדינג, אז עס זאל ניט פאראורזאכען אין וועלכען ניט איז יאהר א פאלשטענדיגען אומביט פון ניט מעהר ווי צעהן פראצענט פון די ארבייטער אין וועלכען ניט איז שאפ; אז די ארבייטער, וועלכע וועלען פון דעם באריהרט ווערען, זאלען באקומען אדער א וואך נאטיס, אדער באצאלט פאר א וואך; עס זאל ניט זיין קיין אונגערעכטע דיסקרימינייש־אן און דאס אויס'ן פלאץ פון די ארבייטער וועלכע ווילען ארויספאלען דארפען אנגעשטעלט ווערען ארבייטער דורך דער עמפלאימענט ביורא. דיזער רעכט זאל גענעמען ווערען בלויז צו אזעלכע עסטאבלישמענטס וועלכע זיינען א צד אין די קאלעקטיווע אגרימענטס און אונטער דער דזשוריסדיקשאן פון דער אומפארטייאישער מאשינערי.

די קאמיסיע ווינשט פארצולעגען צו די פאראינטערעסירטע צדדים זעקס אלגעמיינע באטראכטונגען, וועלכע באריהרען די אינדוסטריע אלס א גאנצע:

(1) דער אומפארטייאישער טשערמאן.

אין דער מיינונג פון דער קאמיסיע, איינער פון די וויכטיגסטע שריט, וואס איז געמאכט געווארען ביי דער אינדוסטריע, איז די אויפשטעלונג פון דער אומפארטייאישער מאשינערי. די ערוועהלונג פון מר. רעימאנד ווי. אינגערסאל אלס דעם אומפארטייאישען טשערמאן, האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין זעהר א געלונגענע און פיל פון דעם פרידען און שטאנדהאפטיגקייט וואס די. אינדוסטריע האט גענאסען דורך די לעצטע אנדערהאלבען יאהר איז צו פארדאנקען צו זיין עהרליכקייט און פעהיגקייט. אין דער מיינונג פון דער קאמיסיע, זאל דער אומפארטייאישער טשערמאן ווערען נאך א מעהר איינפלוסרייכע און וויכטיגע פערזאן. ער זאל זיין אין זעהר נאהענטער באריהרונג מיט אלע פראבלעמען וואס ריהרען אן די אינדוסטריע, און די קאמיסיע גלויבט, אז פיל פראגרעס ווערט געמאכט ווערען ווען די נייע קאנטראקטען, וואס וועלען געמאכט ווערען, זאלען פארגרעסערען די יורידיקציע פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן.

די קאמיסיע רעקאמענדירט, אז אן אקאונטענט זאל צוגעגעבען ווערען צו דעם סטעף פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן, פאר דעם צוועק, אז אונטער זיין אויפזיכט זאלען געמאכט ווערען אונטערזוכונגען, צי מיט צי אהן נאטיס, אדער פארמעלע קלאגען, פון וועלכען ניט איז עסטאבלישמענט, כדי צו זעהן, צי די אפמאכען, אויף וועלכע די צדדים זיינען איינגעגאנגען ווערען דורכגעפיהרט.

(2) ארבייטסלאזע אינשורענס.

די איינשטעלונג פון אן ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד איז געווען, לויט דער מיינונג פון דער קאמיסיע, א גרויסע דערגרייכונג. אין א סעזאנער אינדוסטריע, וואו פעריאדען פון ארבייטסלאזיגקייט איז אומפארמיידליך, איז די צאהלונג פון אינשורענס צו די ארבייטסלאזע זעהר ווינשענסווערט, אויב טאקע ניט אבסאלוט נויטווענדיג. מיט צוויי יאהר צוריק האבען די צדדים צו די קאלעקטיווע אגרימענטס, אויף דער רעקאמענדאציע פון דער קאמיסיע, איינגעשטעלט אן ארבייטסלאזען-אינשורענס פאנד, צו וועלכען די ארבייטער האבען נעדארפט ביישטייערן איינס פראצענט פון זייערע וויידזשעס און די ארבייטסגעבער — צוויי פראצענט פון זייערע וועכענטליכע פעיראלס. די קאמיסיע האפט, אז דער פאנד זאל זיך פארגרעסערען און זיינע רעסארסעס און אלס די צייט געהט זיך, זאלען מעהר ליבעראלע צאהלונגען געמאכט ווערען צו אומבאשעפטיגטע ארבייטער.

לעצטען יאהר, נאך א יאהר ערפאהרונג און צוליב די אומפראפארציאנעלע פאדערונגען וואס זיינען אויפ'ן פאנד געמאכט געווארען פון די ארב־טער פון די אויטסייד שעפער, איז באשלאסען געווארען צו פארגרעסערען די ביישטייערונגען פון די ארבייטסגעבער פון יענעם ברענטש פון דער אינדוסטריע צו אן ערך דריי פראצענט. צו דער זעלבער צייט איז ארא־נזשירט געווארען, אז די דזשאבערס זאלען מאכען דיזע צאהלונגען דירעקט צו דעם פאנד אנשטאט די סוב-מאנופעקטשורערס און זיי זאלען דאס נאכדעם באקומען פון די דזשאבערס, פאר וועלכע זיי האבען געמאכט די ארבייט.

כאטש עס האט אויסגעוויזען לאגיש צו פארלאנגען פון די דזשאבערס, אז זיי זאלען נאכקומען זייערע פארפליכטונגען דירעקט צום פאנד, האט אבער דיזער אומבייט אין דער מעטאדע פון די געלט־זאמלונג געארבייט ניט גוט. דאס קאן מען זעהן פון דעם פאקט, אז זינט די ענדערונג איז געמאכט געווארען ביז צו דער איצטיגער צייט האבען אלע דזשאבערס צוזאמענגענומען ביינגעשטייערט א באדייטענד קלענערע סומע צו דעם פאנד, ווי די אינסייד מאנופעקטשורערס, כאטש די ערשטע טוען פיל גרעסערע ביזנעס.

כאטש אין טעאריע איז די איצטיגע מעטאדע פון די געלט זאמלונג מעגליך עהרליכער צו די סובמאנופעקטשורערס, דארף מען אבער האבען אין זינען, אז דער פאנד עקזיסטירט פאר דעם בענעפיט פון די ארבייטער. די קאמיסיע רעקאמענדירט, אז אין דער צוקונפט זאלען די סובמאנופעקטשורערס מאכען זייערע צאהלונגען פאר אינשורענס דירעקט צום פאנד און לויט דער זעלבער ראטע ווי עס ווערט איצט געזאמעלט פון די אינסייד מאנופעקטשורערס און די סובמאנופעקטשורערס זאלען עס פון זייער זייט צורעכענען צו די דזשאבערס לויט דער ראטע וואס איז באשטימט געווארען לעצטען יאהר.

(3) די לעיבאר עמפלאימענט ביורא.

מיר רעקאמענדירען די עטאבלירונג פון אן עמפלאימענט אפיס אונטער די אויפזיכט פון די טראסטים פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד. די אנשטעלונג אדער צוריקציהונג פון ארבייטער זאל געמאכט ווערען דורך דעם עמפלאימענט אפיס. אין אן אינדוסטריע מיט אנגסטליכע פעריאדען פון אומבאשעפטיגונג איז עס ספעציעל נויטיג, אז א צולעפאסטע מאשינערי זאל איינגעשטעלט ווערען כדי צו מאכען די געלעגענהייטען פון די ארבייטער גלייך און צו דינען אלס א קלירינג האוז פאר אנשטעלען ארבייטער. אזא מין אפיס וואלט, לויט דער מיינונג פון דער קאמיסיע, זיין זעהר ניצליך ווי פאר די ארבייטער, אזוי אויך פאר די ארבייטסגעבער, און קאן אויך העלפען צו פארקלענערען די איצטיגע שעדליכע ווירקונג וואס עס האבען די פעריאדען פון לייריג ארומגעהן.

(4) די העכערונג פון די מינימום וויידזש סקיילס.

אין דער צייט ווען די קאמיסיע איז באשטימט געווארען, אין 1924, האט די יוניאן פארלאנגט א העכערונג אין די וויידזש סקיילס. דער קאמישאנ'ס סופלעמענטערי רעקאמענדיישאנס פון 10טען דזשולייי, 1925, האט פארגעשלאגען, אז „אין די נייע קאנטראקטען זאלען די אלע צדדים אננעמען א באשלוס וועגען דער פראגע, וועלכע וועט ארויסגעגעבען ווערען פון דער קאמיסיע אין אסיען צייט. דאס וועט זיין מיט דער פארשטענדיגונג, אז אויב וועלכע ניט איז העכערונג וועט געגעבען ווערען, זאל עס אריין אין קראפט פאר דעם טערינג סיזאן”. דיזע רעקאמענדאציע איז אנגענומען געווארען ביי אלע צדדים, אבער מיט זייער איינשטימונג האט די קאמיסיע אפגעלייגט אן אנטשיידונג ביז די איצטיגע רעקאמענדאציעס.

דערוויל האט די ביורא אף ריסוירטש, איינשטימיג מיט די אינסטרוקציעס פון דער קאמיסיע, אפגעדרוקט א רעפארט וועגען „וויידזשעס און וויידזש־סקיילס אין 1925”, וועלכער אנאליזירט זעהר אויספיהרליך דעם דורכשניט וויידזש־רייט אין דער אינדוסטריע, דעם דורכשניט ווידזשעס פון די ארבייטער אין די אינדעפענדענט שעפער, אין די שעפער פון אינדאסטריעל קאונסיל און דעם דורכשניט וויידזש פון די באזונדערע ארבייטען. די ביורא אף ריסוירטש האט צוגעשטעלט צו דער קאמיסיע די אינפארמאציעס בנוגע דעם פארהעלטניסמעסיגען פארגלייך פון די מינימום סקיילס פון איין ארבייט צו די אנדערע.

די סקייל פון וויידזשעס איז ניט די הויפט פראבלעם אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע. ווי עס איז שוין אנגעוויזען געווארען אויבען, קומען די הויפט שוועריגקייטען ארויס פון דעם סעזאנעם כאראקטער פון דער אינדוסטריע, פון דעם פאקט, וואס די מאנופעקטשורינג איינהייטען (שעפער) ווערען אלץ קלענער און קלענער, און דורך דעם וועניגער פאראנטווארטליך, און פון די ניט־רעגולירטע קאנדיציעס פון דער דזשיסענדינגער סיסטעמע פון פראדוקציע. יעטווידע באטראכטונג פון די וויידזש סקיילס פון דער יוניאן מוז נעמען אין אנבאטראכט די פאקטען, ערשטענס, אז עס זיינען דא פילע וואכען אין יאהר, אין וועלכע די ארבייטער באקומען גאר קיין וויידזשעס ניט, און צווייטענס, אז די מעהרסטע ארבייטער קריגען איבער'ן סקייל.

דער רעפארט פון דער ביורא אף ריסוירטש ווייזט, אז אין 1925 איז דער דורכשניט צאהל וואכען פון באשעפטיגונג געווען 37.4 פאר די ארבייטער אין די אינסייד שעפער און 28.6 וואכען פאר ארבייטער אין די סובמאנופעקטשורינג שעפער. אויב ארבייטער קריגען באצאהלט לויט דער סקייל און זיינען באשעפטיגט דעם דורכשניט צאהל וואכען, איז זייער יעהרליכער איינקונפט געפעהרליך נידעריג.

אין אנבאטראכט פון דיזע פאקטען, און אין אנבאטראכט פון דער דייטא, וואס די ביורא אף ריסוירטש האט צוגעשטעלט וועגען די עקזיסטירענדע פארגלייכונגען צווישען די פארשיידענע סקיילס, פיהלט די קאמיסיע, אז די פאלגענדע העכערונגען זיינען זיכער בארעכטיגטע:

פאך	אלטער סקייל	נייער סקייל
קלאוק און דרעס קאטערס	$44.00	$50.00
סאמפעל מייקערס	36.00	42.00
דזשעקעט, קאוט, ריפער און דרעס אפערייטארס	50.00	54.00
פיעס טיילארס	43.00	46.00
ריפער, דזשעקעט און קאוט פינישערס	41.00	44.00
דזשעקעט, קאוט און ריפער פינישערס' העלפערס	32.00	36.00
דזשעקעט, קאוט, ריפער און דרעס אויבער־פרעסערס	42.00	47.00
דזשעקעט, קאוט, ריפער און דרעס אונטער פרעסערס	37.50	42.00
קלאוק בושעלמען, וואס טוען אויך פינישינג, מארקינג און אלגעמיינע ארבייט ביי די גארמענטס	34.00	38.00
סקוירט קאטערס	39.50	45.00
סקוירט - אפערייטארס	48.00	52.00
סקוירט אויבער־פרעסערס	38.00	42.00
סקוירט אונטער־פרעסערס	37.50	42.00
סקוירט בייסטערס	25.00	28.00
סקוירט פינישערס	20.50	25.00
דרייפערס	27.50	30.00
באנראדערס אויף סקוירטס	32.00	35.00
מיידלעך'ס באנראדערס	27.50	30,00

(5) די ניט־יוניאן מאנופעקטשורינג.

דער פרינציפ פון יוניאניזירען ווערט אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע ניט באצווייפעלט. אלע ארבייטסגעבער און דזשאבערס האבען איינגעשטימט אין זייערע קאנטראקטען מיט דער יוניאן, אז זיי וועלען האבען צו טאן נאר מיט יוניאן שעפער, מיט יוניאן ארבייטער און מיט יוניאן־געמאכטע גארמענטס. זיי האבען אויך צוגעשטימט אין דער ווירקליכקייט אז זיי וועלען האנדלען נאר מיט גארמענטס וועלכע טראגען אויף זיך די לייבעלס, וועלכע ווערען צוגעשטעלט ביי דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל און וועלכע באשטעטיגען, אז די קליידער זיינען געמאכט געווארען אונטער פאסיגע באדינגונגען.

דורכ'ן ערשטען יאהר פון דער עקזיסטענץ פון דער קאמיטע זיינען געווען אייניגע קלאגען וועגען נאן־יוניאן מאנופעקטשורינג, אבער אן עהרליכע אפשאצונג צו יענער צייט פון דער פארהעלטניסמעסיגער גרויס האט אויסגעוויזען צו צייגען, אז עס איז ניט קיין ערנסטער פאקטאר, עס זאל אונטערגראבען די סטאנדארדס. דער רעפארט פון דער ספעשעל אינוועסטיגיישאן האט אפגעשאצט, אז 15 פראצענט פון דער גאנצער פראדוקציע איז געמאכט געווארען אין ניט קיין יוניאן שעפער, און אזוי ווי דיזע 15 פראצענט איז הויפטזעכליך געקומען פון די נידעריג־געפרייזטע גארמענטס איז עס אין דער ווירקליכקייט געווען וועניגער וויכטיג ווי דער ווירקליכער פראצענט האט אנגעדייטעט. דורכ'ן לעצטען יאהר אבער, מוז מען צוגעבען, זיינען די באדינגונגען געווארען ערגער. דער פראצענט פון נאן־יוניאן מאנופעקטשורינג איז שטארק געשטיגען און דאס האט געהאט ערנסטע ווירקונגען. עס איז זעהר ווינשענסווערטה, ווי אלע צדדים שטימען איין, אז ניט־יוניאן מאנופעקטשורינג זאל פארקלענערט ווערען און אויב מעגליך איינגאנצען אויסגעראטעט ווערען.

די פראבלעם ברענגט ניט ארויף א שטרייטענדע פראגע פון פרינציפ. עס איז איינפאך א פראגע פון דורכפיהרען עס. אלע צדדים האבען איינגעשטימט אז זיי וועלען טאן זייערע ביזנעס נאר מיט יוניאן שעפער. די דורכפיהרונג פון דיזען פונקט אין די קאנטראקטען ליגט אין א גרויסער מאס אין די הענט פון דער יוניאן. שליסליך, רעכנט די קאמיסיע, אז עס איז ווינשענסווערט די יוניאן זאל נים זיין געבונדען אין איהרע אנשטרענגונגען אויסצוזוכען ניט־יוניאן שעפער און נים צו דערלאזען דזשאבערס און מאנופעקטשורערס צו האנדלען מיט זיי און אין פאל ווען עס ווערט באוויזען אז דער קאנטראקט איז איבערגעטראטען געווארען זאלען געהעריגע שטראפען ארויפגעלעגט ווערען צו נייטראליזירען וועלכע נים איז נוצען וואס דער ארבייטסגעבער האט געוואונען דורך די נאן־יוניאן מאנופעקטשורינג כדי עס זאל איהם און אנדערע צוריקהאלטען פון באגעהן אזעלכע עוולות אין דער צוקונפט.

די קאמיסיע רעקאמענדירט דערפאר, אז די פונקטען אין די עקזיסטירענדע אפמאכען, וועלכע האבען צו טאן מיט דעם צוטריט צו די ביכער, זאל אזוי אמענדירט ווערען, אז עס זאל געבען די מעגליכקייט פאר א שנעלען עקזאמען פון די ביכער ווען איינער פון די צדדים פון דעם קאלעקטיווען אגרימענט מאכט א קלאגע, עס זאל געשענקט ווערען אויפמערקזאמקייט אין פארבינדונג מיט דעם וועגען די ראטזאמקייט פון א דזשאינט קאמיטע, אין שפיץ מיט דעם אומפארטייאישען טשערמאן, וועלכע זאל זיין באפאלמעכטיגט אפצושיקען, אויב די ארבייט ווערט ניט געשיקט אין ניט קיין אויטאריזירטע און נידעריגערע פון סטאנדארד שעפער.

(6) דער פראסאנים לייבעל.

אין איהר ערשטען רעפארט האט די קאמיסיע רעקאמענדירט, אז מען זאל אננעהמען א סאניטארי לייבעל אין דער אינדוסטריע, וועלכער זאל ארויסגעלאזט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון דער דזשאינט באארד אף סאניטארי קאנטראל און ער זאל גאראנטירען דעם פארברויכענדען פובליקום, אז די קליידער וואס טראגען דעם לייבעל זיינען פראדוצירט געווארען אין שעפער וועלכע קומען נאך די פארגעשריבענע סטאנדארדס פון ריינקייט און ארבייטער באדינגונגען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען אין דער אינדוסטריע. די צדדים האבען זיך פארגענומען צו האנדלען בלויז מיט גארמענטס וועלכע טראגען אויף זיך דעם לייבעל, וועלכער איז באקאנט געווארען אלס דער „פראסאנים” לייבעל. די ווירקונג פון דעם לייבעל האט מען ערשט איצט אנגעהויבען צו פיהלען. זיין פולער ערפאלג וועט אפהענגען סיי אן די אקטיוויטעט פון די פאראינטערעסירטע צדדים און סיי אן דער שטיצע פון דעם פובליקום.

דער לייבעל שטעלט מיט זיך פאר די פאנטעציעלע קראפט פון דעם פאבליק אפיניאן אנגעווענדעט אין דער ריכטונג אויף אויפצוהאלטען און פארבעסערען די ארבייטס באדינגונגען און די סאניטארע סטאנדארדס אין דיזער נויטיגער אינדוסטריע, וועמעס פראדוקטען געהען אריין כמעט אין יעדער הויז פון לאנד. דאס פובליקום וועט מיט דעם, וואס עס וועט באשטעהן צו האבען דעם לייבעל אויף די גארמענטס וואס עס קויפט, ניט בלויז זיך באשיצען נגענען דער געפאהר פון קראנקהייטען וואס קומען דורך פאבריצירען אונטער אומגעזונטע באדינגונגען, נאר עס וועט אויך געבען זיין שטיצע אויף זעהר א ווירקזאמען וועג, צו די יעניגע וועלכע שטעהען אין דער אינדוסטריע פאר אנשטענדיגע, געזונטע ארבייטס באדינגונגען.

די בעסטע וואפע געגען ניט־יוניאן ארבייט ליגט אין דעם ריכטיגען דורכפיר פון די פונקטען אין די קאנטראקטען, וועלכע האבען צו טאן מיט דעם געברויך פון דעם סאניטארי לייבעל. מיר רעקאמענדירען אז מעהר ווירקזאמע מיטלען זאלען אנגענומען ווערען צו פארמיידען אז דיזע וויכטיגע פארערונגען זאלען ניט איבערגעטראטען ווערען. עס זאל באשטאנען ווערען אויף דעם, אז יעדער גארמענט וואס ווערט געמאנופעקטשורט אדער ווערט איינגעהאנדעלט זאל טראגען אויף זיך דעם לייבעל. עס זאלען זיין מעהר צוגעפאסטע מיטלען פאר אן אינספעקציע דורך די פארשטעהער פונ'ם לייבעל דיוויזשאן און א סיסטעמע פון שטראפען זאל זיין און זאל דורכגעפיהרט ווערען אין פאלען וואו דער לייבעל וועט ניט געברויכט ווערען אדער וועט מיסברויכט ווערען.

(7) די ביודא און ריסוירטש.

אין די רעקאמענדאציעס, וואס די קאמיסיע האט געמאכט אין דער צווישען צייט, אין דזשון 1925, האט זי ערמוטיגט די שאפונג פון א ביורא אף ריסוירטש. דאס איז געטאן געווארען. און דורך די עטליכע חדשים וואס זיינען פארביינגעגאנגען האט די ביורא געמאכט א שטודיום פון געוויסע זאכען, וואס זיינען וויכטיג פאר דער אינדוסטריע אלס גאנצע. וואס מעהר מען ווערט ערפאהרען וועגען אזא קאמפליצירטע אינדוסטריע, ווי די סוט און קלאוק אינדוסטריע איז, אלץ מעהר וועלען די שטרייטיגקייטען צווישען די צדדים אויסגעמידען ווערען וועגן ויכוחים איבער פאקטען און אלץ נאהענטער וועט מען דערגרייכען מען זאל קענען דורכקומען פריינדליך.

די קאמיסיע רעקאמענדירט דערפאר, אז די ביורא אף ריסוירטש זאל אנגעהאלטען ווערען, זי זאל זיין פארבונדען מיט דעם ארבייטסלאזען אינשורענס־פאנד און זאל פינאנסירט ווערען אין טייל דורך קאנטריביושאנס פון אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס, דזשאבערס און סובמאנופעקטשורערס, איינגעטיילט לויט דער סומע פון ביזנעס וואס זיי טוען. די מאס פון די קאנטריביושאנס זאל באשטימט ווערען פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן.

די אויסגאבען פון דער אינדוסטריע'ס ארגאניזאציע זאלען ניט נאר געדעקט ווע־

דער רעפּאָרט פון דעם אינטערנעשאָנאַל איסטערן אָרגאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטמענט

פון ל. פינקעלשטיין

3.

אין דעם צווייטען ארטיקעל פון דער סעריע, לעצטע וואָך, האָבען מיר אָנגעוויזען, ווי וויכטיג עס זיינען די קליינע לאָקאַלס אין די שטעדטלעך ארום ניו יאָרק, כדי צו קאָנען מיט מעהר ערפאָלג אָנפיהרען די ארבייט פון דעם אינטערנײשאָנאַל איסטערן אָרגאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטמענט. און מיר האָבען אויך געזעהען, ווי נויטווענדיג די לאָקאַלס זיינען, צו העלפען געווינען א סטרייק, וואָס ווערט ארויסגערופען פון די גרויסע לאָקאַלס אין ניו יאָרק און אויך אַנדערשוואו.

ווען אפשר ווער עס איז פרעגען: איז עס אמת, אז דער דאָזיגער דעפּאַרטמענט רופט ארויס שעפער אין סטרייק אין דער קאַנטרי, כדי צו העלפען געווינען די סטרייקס, וואָס ווערען דערקלערט אין ניו יאָרק?

אויף דער פראגע ווערט געגעבען א גוטער ענטפער אין וויס־פּרעזידענט האַלפּערין'ס רעפּאָרט איבער דער טעטיגקייט פון דעם אָרגאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטמענט. ער גיט דאָרט אָן א גאַנצען צעטעל פון די שאָפּ־סטרייקס, וואָס זיינען אויף יענער אויסגעשפּרייטער טעריטאָריע אָנגעפיהרט געוואָרען אין די לעצטע דריי חדשים, און ער ווייזט אָן אויף דער אורזאך פון יעדען באַזונדער סטרייק.

און וואָס זעהען מיר? בלויז א קליינער פּראָצענט פון די דאָזיגע סטרייקס זיינען גערופען געוואָרען פאַר זיך אליין, צוליב אייגענער יוניאָן און אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט אָן און פאַר זיך. ווי א שטיינער, דערפאַר וואָס מאַנכער באַלעבאָס האָט רעדוצירט די ווײדזשעס פון די ארבייטער פון זיין שאָפּ, אָדער דער שאָפּ איז איבערהויפּט ניט געווען אָרגאַניזירט, איז ניט געווען קיין יוניאָן שאָפּ, און דער סטרייק איז גערופען געוואָרען דעם שאָפּ צו אָרגאַניזירען. אבער די גרויסע צאָהל פון סטרייקס, דערצעהלט דער רעפּאָרט, זיינען גערופען געוואָרען אויסשליסליך דערפאַר, ווייל דאָרט איז געמאַכט געוואָרען סקעב־ארבייט, ווייל דאָרט האָט מען געמאַכט ארבייט פאַר פירמען, געגען וועלכע די יוניאָן אין ניו יאָרק האָט דערקלערט א סטרייק.

אבער וועגען דעם לאָמיר ליבערשט לאָזען רעדען דעם רעפּאָרט גופא, אין זיינע אייגענע ווערטער. און אָט וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דעם ענין:

„אין די לעצטע דריי חדשים זיינען געקומען צו אונז א גרויסע צאָהל קאָמיטעס פון די ארבייטער פון קלאָוק און דרעס שעפּער פון ניו יאָרק, וועמעס פירמען זיינען דערקלערט געוואָרען אין סטרייק, וואָס האָבען געהאַט א פאַרדאַכט, אז זייער ארבייט איז געמאַכט געוואָרען אין מאַנכע „אוט אָוו טאַון" שעפּער. און מיר קאָנען זאָגען מיט זיכערהייט דאָס יעדער פון אָט די פאַרדעכטיגטע שעפּער, גאַנץ ענגאַל צו דאָס איז געווען א יוניאָן שאָפּ, אָדער ניט, איז באַזוכט געוואָרען פון אונזערע אָרגאַנייזערס פעסטצושטעלען אויב דאָרטען ווערט געמאַכט די ארבייט פון דעם סטרייקענדען שאָפּ אָדער ניט. און וואו נאָר מען האָט געפונען מאַכען סקעב־אַרבייט איז באַלד גענומען געוואָרען א שטעלונג געגען יענעם באָס און די סקעב־ארבייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרען.

„דאָסגלייכען — זאָגט ווייטער דער רעפּאָרט — זיינען מיר א סך מאָל אויפגעפאָדערט געוואָרען פון דעם ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד צו אונטערזוכען געוויסע שעפּער, אויף וועלכע עס איז געפאַלען א פאַרדאַכט, אז דאָרט ווערט געמאַכט ארבייט פאַר געוויסע ניו יאָרקער „נאָן־יוניאָן" דרעס דזשאָבערס. אין דער הינזיכט ארבייט אונזער דעפּאַרטמענט שטענדיג האַנט אין האַנט מיט דעם דזשאָינט באָארד, ווען נאָר עס ווערט דערקלערט א סטרייק געגען אירגענד וועלכען דזשאָבער".

איידער מיר גיבען איבער דעם צעטעל פון די סטרייקס, וואָס דער איסטערן דעפּאַרטמענט האָט אָנגעפיהרט אין די לעצטע דריי חדשים, ווילען מיר איבערגעבען נאָך איין פּאַראַגראַף פון דעם רעפּאָרט, אין באַצוג איין פירמע. דאָס איז א פאַל, מיט וועלכען די ניו יאָרק קלאָוק און דרעסמאַכער זיינען גוט באַקאַנט.

„די פירמע שאַפּיראָ און סאָן, וועלכע האָט שוין איצט אָן אַגרימענט מיט דער יוניאָן, האָט פריהער געמאַכט אלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען געמאַכט איהר ארבייט אין די שעפּער פון א סך קליינע שטעדטלאך אין לאָנג איילאַנד, ניו דזשוירזי און אין די שטעדטלאך פון ניו יאָרק סטייט. און עס פרייט אונז צו זאָגען, דאָס עס איז אונז געלונגען אָפּצושטעלען די ארבייט פון דער פירמע אין יעדען שאָפּ פון יעדער שטעדטעל".

דער רעפּאָרט דערצעהלט ניט וואָס פאַר א ווירקונג דאָס האָט געהאַט אויף דער דערמאָנטער פירמע. אבער דאָס קאָן שוין יעדער אליין פאַרשטעהן פון דעם פאַקט, דאָס די פירמע איז איצט אונטער א קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן און שיקט איהר ארבייט אין יוניאָן שעפּער.

אָט איז דער צעטעל פון די סטרייקס, ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין דעם רעפּאָרט:

וויס דרעס קאָמפּאַני, וויט פּליינס, נ. י. — דער סטרייק האָט געדויערט 10 וואָכען. אין דעם שאָפּ האָט מען געמאַכט ארבייט פאַר דער פירמע מאָרים רענטנער פון ניו יאָרק, וועלכע דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד האָט דערקלערט אין סטרייק.

מאָונט ווערנאָן דרעס און קאָסטיום קאָמפּאַני, מאָונט ווערנאָן, נ. י. — דער סטרייק האָט געדויערט פינף וואָכען. אין דעם שאָפּ האָט מען געמאַכט ארבייט פאַר די ראָטה קאָסטיום קאָמפּאַני, פון ניו יאָרק, וועלכע דער ניו יאָרק דזשאָינט באָארד האָט דערקלערט אין סטרייק.

סאָניאַ דרעס קאָמפּאַני, דזשוירזי סיטי. — דער סטרייק האָט געדויערט בלויז איין וואָך. דער סטרייק איז גערופען געוואָרען, ווייל דער שאָפּ האָט געהאַט א שייכות צו דער פירמע ראָזען בראָדערס, מיט וועלכער די יוניאָן האָט געהאַט טראָבעל.

טאַמבאַראָלי דרעס שאָפּ, האַקענסאַק, ניו דזשוירזי. — דאָס איז א ניט יוניאָן שאָפּ. דער סטרייק האָט געדויערט אַכט וואָכען.

די שאָמער קלאָוק קאָמפּאַני, פּאַסייק, ניו דזשוירזי. דער סטרייק האָט געדויערט 5 וואָכען. אין דעם שאָפּ האָט מען געארבייט פאַר דער פירמע שאַפּיראָ און סאָן, מיט וועלכער די יוניאָן איז געווען אין קריג. דער שאָפּ האָט געסעטעלט מיט דער יוניאָן. אבער מיט א קורצער צייט נאָכדעם האָט די פירמע איינגאַנצען צוגעמאַכט דעם שאָפּ, ערקלערענדיג, אז עס לוינט זיך איהר ניט אָנצוהאַלטען א יוניאָן שאָפּ. דאָס אונטער א יוניאָן אַגרימענט קאָן זי קיין געשעפטען ניט מאַכען.

פריינקלין קלאָוק קאָמפּאַני, וואָודהייווען. — דער סטרייק האָט געדויערט צוויי וואָכען. דער שאָפּ האָט געמאַכט ארבייט פאַר דער פירמע שאַפּיראָ און סאָן.

שוואַרץ קלאָוק קאָמפּאַני, קאַראָנאַ, לאָנג איילאַנד. דער סטרייק האָט געדויערט פיער וואָכען. דער שאָפּ האָט געמאַכט ארבייט פאַר לואיס קאָהן, א ניו יאָרקער פירמע, וואָס איז געווען אין סטרייק.

ראַבינאָוויטץ בראָדערס, דרעס שאָפּ, קאַראָנאַ, לאָנג איילאַנד. — דאָס איז א ניי־געעפענטער „נאָן יוניאָן" שאָפּ. דער סטרייק האָט געדויערט פיער וואָכען.

ראַבינאָוויטש דרעס שאָפּ, קאַראָנאַ, לאָנג איילאַנד. — די פירמע האָט אַרונטערגעשניטען די ווײדזשעס פון די אַרבייטער. דער סטרייק האָט געדויערט פיער וואָכען.

ריטשמאָנד־טערעס קלאָוק קאָ., סטעטען איילאַנד. — דער סטרייק האָט געדויערט פינף וואָכען. דער שאָפּ האָט געמאַכט ארבייט פאַר דער ניו יאָרקער פירמע ראָזענבערג און דייווויס, וואָס די יוניאָן האָט ערקלערט אין סטרייק.

שעהן קלאָוק שאָפּ, סטעטען איילאַנד. — א ניט יוניאָן שאָפּ. דער סטרייק האָט געדויערט פינף וואָכען.

קאַרסערי בראָדערס קלאָוק שאָפּ, סטעטען איילענד. — דער שאָפּ נעהמט ארויס ארבייט פון דער פירמע ראָזענבערג און דייווויס. דער סטרייק געהט נאָך אָן. דער שאָפּ איז ערקלערט געוואָרען אין סטרייק מיט ניין וואָכען צוריק.

ספּאַרקלינג דרעס שאָפּ, א ניט־יוניאָן שאָפּ, אין אַסטאָריא, לאָנג איילאַנד. — דער סטרייק האָט געדויערט א וואָך צייט.

דראַקאַ דרעס שאָפּ, אַסטאָריא, לאָנג איילאַנד. — דער שאָפּ נעהמט ארבייט פון דער ניו יאָרקער דרעס פירמע רענטנער, וועלכע איז אין סטרייק. דער סטרייק געדויערט שוין אריבער אַכט וואָכען און געהט נאָך אָן.

פּייפער און סאַלערנאַ, סטעמפּאָרד, קאָנ. — א ניט יוניאָן שאָפּ. דער סטרייק איז שוין אַלט אריבער זעקס וואָכען און געהט נאָך אָן.

סטעמפּאָרד דרעס קאָמפּאַני, סטעמפּאָרד, קאָנ. — א ניט יוניאָן שאָפּ. דער סטרייק געהט נאָך אָן.

סאַליוואַן קלאָוק קאָמפּני, מאָונטענדייל, נ. י. — דער שאָפּ האָט געארבייט פאַר שאַפּיראָ און סאָן. דער סטרייק האָט געדויערט צוויי וואָכען.

אין נואַרק, ניו דזשוירזי, זיינען פאַר די זעלבע אורזאַכען אָנגעפיהרט געוואָרען סטרייקס געגען דריי פירמען.

יעדער יוניאָן מאַן קאָן פאַרשטעהן, וואָס עס מיינט, ווען מען דאַרף אין א משך פון דריי חדשים צייט אָנפיהרען אזוי פיעל סטרייקס, און ווען די סטרייקס זיינען נאָך צעוואָרפען איבער אזוי פיעל פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלאך. דאָס רעדט פאַר זיך אליין און מען דאַרף וועגען דעם ניט מאַכען קיינע פירושים.

אין דעם רעפּאָרט ווערט אויך דערצעהלט, דאָס אין פאַרבינדונג מיט מאַנכע פון די אויסגערעכענטע סטרייקס, האָבען אויך ניט געפעהלט קיינע אינדזשאַנקשאָנס און קאָורט טרייעלס. עס זיינען נאָך איצט אויך דאָ אַזוינע אינדזשאַנקשאָנס און אין מאַנכע ערטער דאַרפען נאָך פאָרקומען טרייעלס.

אבער דאָס אלץ, — זאָגט דער רעפּאָרט, — קען ניט צוריקהאַלטען דעם איסטערן אָרגאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטמענט פון טאָן זיין פולע פליכט און אין אלע פאַלען, וואו נאָר עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז אין א געוויסען שאָפּ ווערט געמאַכט סקעב־ארבייט פאַר א צווייטער פירמע, וואָס די יוניאָן האָט דערקלערט א סטרייק, איז די ארבייט אָפּגעשטעלט געוואָרען, ניט אַכטענדיג אויף קיינע שוועריגקייטען און פּאָליציי־פּאַרפאָלגונגען.

אין דעם רעפּאָרט איז אויך דאָ א צעטעל פון ניי־אָרגאַניזירטע שעפּער אויף דער טעריטאָריע פון דעם דעפּאַרטמענט. דאָסגלייכען איז דאָרט אויך דאָ א צעטעל פון שעפּער, וועלכע האָבען זיך לעצטענס פאַרמאַכט. די ניי־אָרגאַניזירטע שעפּער זיינען:

פעירדיעל קלאָוק—וואָודהייווען. סאָניא דרעס — וואָודהייווען. קענאַרד דרעס — דזשאַמאַיקאַ. ספּאַרקלינג דרעס — אַסטאָריאַ. מילבאָרא קלאָוק — ברידזשפּאָרט. סוליוואַן קאָ. קלאָוק — מאָונטיינדעיל. ראַבינאָוויטץ דרעס — קאַראָנאַ. סאָניאַ דרעס קאָ. — דזשוירזי סיטי. דייוו שאָמער קלאָוק — פּאַסעיק.

דער רעפּאָרט פאַרענדיגט זיך מיט א קורצען איבערבליק פון דער אַלגעמיינער אַקטיוויטעט פון דעם איסטערן דעפּאַרטמענט, וואו עס ווערט אָנגעוויזען די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט אין די אינטערעסען פון דער גאַנצער יוניאָן. עס ווערט דאָרט דערצעהלט פון איינינע אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיינס אין מאַנכע שטעדט, ווי א שטיינער אין ברידזשפּאָרט, קאָנעקטיקוט, וואו עס זיינען דאָ איינינע קאָרסעטען־פאַקטאָריס וואו עס ווערען באַשעפטיגט פון 500 ביז 2,000 ארבייטער. עס זיינען דאָרט אויך דאָ דרעס־שעפּער און ווייטגודס שעפּער, און א פאַרזוך ווערט געמאַכט די ארבייטער צו אָרגאַניזירען. צווישען די ארבייטער ווערט אָנגעפיהרט א לעבעדיגער אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין, און די ארבייטער פון יענע שעפּער רעדען זיך פריינדליך אָפּ. די ארבייט מוז אבער געטאָן ווערען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. וואָרים ווי נאָר די באַלעבאָטים דערוויסען זיך, אז דער אָדער יענער ארבייטער שליסט זיך אָן צו דער יוניאָן, ווערט ער דיסקרימינירט, און די יוניאָן איז דאָרט דערווייל ניט בכח זיי צו פאַרטיידיגען. די ארבייט ווערט דאַריבער געטאָן מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט, עס זאָל ניט אויסקומען צו ליידען איינצעלנע פּערזאָנען. דער יוניאָן־סענטימענט צווישען די ארבייטער וואַקסט און ווערט אלץ שטאַרקער.

דער רעפּאָרט ווייזט אויך אָן, דאָס אין זעלבען שטאַאַט זיינען דאָ נאָך אַנדערע שטעדט, וואו עס געפינען זיך ליידיס גאַרמענטס שעפּער. עס געפינען זיך אַזוינע פירמען, וועלכע מען האָט ניט געלאָזט אויפהאַלטען ניט־יוניאָן שעפּער אין ניו דזשוירזי און אין די נאָהענטע שטעדטלאך ארום ניו יאָרק. זיינען די דאָזיגע פירמען זיך מטריח און אַנטלויפען מיט די שעפּער אביסעל ווייטער. זיי מיינען אודאי, אז דאָרט וועט די יוניאָן ניט קענען זיי דערגרייכען. ליידיס גאַרמענט שעפּער געפינען זיך אין ניו הייווען, אין האַרטפאָרד, אין ניו לאָנדאָן און אין נאָך אַנדערע שטעדט. און אַזוינע שעפּער מאַכען זיך אויף אויך ווייטער אוועק אין ניו יאָרק סטייט, ווי אַשטיינער, אין גלענס פאָלס, טראָי, פּאָוקיפּסי און נאָך אַנדערע שטעדטלאך אין יענע מקומות. אויך אין די פּלעצער דאַרף אָנגעפיהרט ווערען אָן אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין; אויך צו יענע ארבייטער דאַרף מען רעדען און אַגיטירען און זיי אריינברענגען אין די רייהען פון דער יוניאָן, און טיילווייז ווערט עס שוין געטאָן, כאָטש דערווייל נאָך אויף א קליינעם מאַסשטאַב. און עס וואָלט ווירקליך געווען א שלעכטע פּאָליסי פון דער יוניאָן, צו לאָזען יענע שעפּער איינגאַנצען אויף הפקר. אַזוינע שעפּער וועלען זיין סקעב־נעסטען פאַר די מאַנופאַקטשורער פון די גרויסע שטעדט, און דאָס טאָר ניט דערלאָזען ווערען.

צום שלוס פון דעם רעפּאָרט ווערט באַריכטעט וועגען דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין, וואָס די אמעריקען פעדעריי־

(שלוס אויף זייט 12)

א קום מיט מיר...

(נאָך היינע)

פון נחום י.

א קום מיט מיר און זיי מיין פרוי
און רוה זיך אויף מיין הארצען אוים
מיין הארץ זאָל זיין דיר אין דער פרעמד
א פאָטערלאַנד, א פאָטער'ס הויז.

און געהסט דו ניט, — קום איך דאָך אום,
און דו וועסט איינזאַם און צעקלעמט
פאַרבלייבען אויך אין פאָטער'ס הויז
אזוי ווי ערגעץ אין דער פרעמד...

וועלען דעם סעזאָן גוט מאַכען, וואָס זיי האָבען פריהער פאַרגרייזט נעגען זיך אליין.

אבער וויפיל מען האָט שוין וועגען דער יוניטי הויז געשריבען איז נאָך אלץ פאַראַן צו שרייבען מעהר און מעהר. ווען מען קומט אין דעם פּראַכטפולען פּלאַץ, זעהט מען דאָרט עפּעס נייעס, וואָס מען האָט נאָך פריהער ניט געזעהן. און באַזונדערס ניי וועט די יוניטי הויז אויסזעהן דעם סיזאָן. אלץ ווערט דאָרט אויף דאָס ניי אָפּגעפרישט, אונטער א וואַכזאַמע אויג פון א נייער מענעדזשמענט, צו געבען אלץ מעהר קאָמפאָרט צו די פילע באַזוכער.

די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל דאַרפען אויך ביטראָגען זייער חלק, צו העלפען אין דעם, אז זייער יוניטי הויז, זייער זומער היים, זאָל דעם סעזאָן האָבען דאָס גרעסטע ערפאָלג. זיי דאַרפען האָבען אין זינען, אז די יוניטי הויז איז זייער אייגענטום, אז דאָס באַלאַנגט צו די מיטגלידער פון אונזער גרויסער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, און דאָס דער ערפאָלג פון דער יוניטי הויז איז זייער אַלעמענס ערפאָלג. די יוניטי הויז באַלאַנגט צו אלע מיטגלידער פון אלע אונזערע לאָקאַלע יוניאָנס אין אלע שטעדט פון איבער'ן לאַנד.

פון איצט אָן און ווייטער, שוועסטער און ברידער, רעדט צו אייערע פריינד און באַקאַנטע וועגען דער יוניטי הויז. רעדט וועגען דעם אין שאָפּ, אויף די יוניאָן־מיטינגען, וואו נאָר איהר קומט זיך צוזאַמען. לאָמיר אלע צוזאַמען ארבייטען פאַר דעם ערפאָלג פון דעם גראַנדיעזען זומער פּלאַץ, און דער ערפאָלג וועט זיכער קומען. אונזער יוניטי הויז איז דער שטאָלץ פון דער ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקע, און עס איז א כבוד פאַר יעדען און יעדער פון אונזער יוניאָן, צו ארבייטען פאַר'ן ערפאָלג פון אונזער פּראַכטפולער זומער היים.

GERECHTIGKEIT
A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 22. New York, Friday, May 28, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 25, 1919.

דעם גאווערנאר'ס קאמישאן קלאגט אן די דזשאבערס

אין דעם מאמענט איז עס נאך אביסעל צו פריה ארויסצוזאגען דער יוניאנ'ס שטעלונג אין באצוג די לעצטע רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר'ס קאמישאן, וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען מיט א וואך צוריק. אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, האט די פיהרערשאפט פון אונזער קלאוק־מאכער ארגאניזאציע אין ניו יארק נאך קוים צייט געהאט ווי געהעריג איז צו אנאליזירען דעם גאנצען רעפארט פון דער קאמישאן: צו געבען דעם רעפארט אן אלזייטיגע באטראכטונג, ווי דער רעפארט האט עס כשר פארדינט.

אין דעם מאמענט וועלען מיר זיך בלויז באנוגענען צו זאגען, אז דאס איז א מערקווירדיגער דאקומענט, געשאפען אין א גייסט פון אן ערנסטען פארלאנג זיך צו דערגרונטעווען צום סאמע תוך פון די פאקטען אין א זעהר קאמפליצירטער און פארפלאנטערטער אינדוסטריעלער סיטואציע. און ניט אכטענדיג, וועלכע שטעלונג די יוניאן וועט שליסליך נעמען אין באצוג דער קאמישאנ'ס רעקאמענדאציעס, אויב זי וועט געצוואונגען זיין, אין די אינטערעסען פון די ארבייטער און דער קלאוק אינדוסטריע, צוריקצואווייזען אדער אנצונעמען די קאנקרעטע פארשלאגען וואס דער רעפארט לעגט פאר אלס א באזיס אנצופאנגען אונטערהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט, — איין זאך שיינט צו זיין זיכער: דער אנאליז פון די צושטאנדען אין דער קלאוק אינדוסטריע, וואס דער רעפארט אנטהאלט, איז א גאנץ ריכטיגער.

עס איז אויך לויבענסווערט די ארט און ווייזע, ווי די פאקטען ווערען אין דעם דאקומענט קלאר געמאכט. דאס מאכט דעם רעפארט פאר א ווערטפולען בייטראג אין דער אנשטרענגונג פון די קאנסטרוקטיווע לחות אין דער אינדוסטריע, איהר ארויסצושלעפען פון דעם צושטאנד פון דעמאראליזאציע און אומפאראנטווארטליכקייט, אין וועלכען זי געפינט זיך איצט.

* * *

ווי שוין באמערקט, זיינען מיר ניט אויסען דא ארויסצוזאגען אירגענד וועלכע מיינונג, וועגען די פראקטישע פארשלאגען וואס ווערען אין דעם רעפארט געמאכט. מיר קאנען אבער זאגען, דאס מיר זיינען גאנץ צופרידען מיט דעם טייל פון רעפארט, אין וועלכען די שטעלונג פון דער יוניאן ווערט פולשטענדיג גערעכטפערטיגט. עס ווערט גערעכטפערטיגט אלץ וואס די יוניאן האט געזאגט אין יעדער פונדאמענטאלער פראגע אין דעם אינדוסטריעלען שטרייט, וועלכע האבען אויפגערודערט אלע שיכטען אין אונזער ארגאניזאציע, און וועלכע זיינען דיסקוטירט געווארען פאר די לעצטע יאהרען צווישען דער יוניאן און די באלעבאטים.

וואס מען זאל ניט זאגען וועגען דעם רעפארט פון דער קאמישאן, איינס איז זיכער, ער שליסט פאקטיש אין זיך איין די קריטיק וואס די יוניאן איבט אויס אויף דעם איצטיגען צושטאנד אין דער קלאוק אינדוסטריע. און דאס איז א מיינונג פון אן אויטאריטעטע, אומפארטייאישע קערפערשאפט, אין וועמעס ערנסטקייט קיינער קאן ניט צווייפלען. און דאס איז, פארבייגעהענדיג, א גוטער קאמפלימענט פאר דעם קלארען קוק און ריכטיגער אורטיילס קראפט פון דער פיהרערשאפט פון אונזער יוניאן.

די פיהרערשאפט פון אונזער יוניאן האט שוין לאנג צוריק איינגעזעהן דעם כאאטישען צושטאנד אין דער קלאוק אינדוסטריע, און אויף דעם גרונד האט די יוניאן ארויסגעשטעלט די פאדערונגען, נאך מיט א דריי יאהר צוריק, אויסצובעסערען מאנכע פון די איבלען, וואס דריקען און שטיקען די ארבייטער אין די קלאוק שעפער.

* * *

שוין יאהרען לאנג ווי די יוניאן טענה'ט, דאס די דזשאבינג־סאב־מאנופעקטשורינג סיסטעם, וואס קאנטראלירט היינט צו טאג ארום דריי פערטעל פון דער קלאוק־פראדוקציע אין ניו יארק, איז אויסגעוואקסען צו אזא גרויס נאר דערפאר, ווייל די באלעבאטים האבען ניט געוואלט טראגען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פאר דער ארבייט. און די יוניאן האט אויפגעוויזען, אז דער דזשאבער איז יעצט דער אמת'ער מאנופעקטשורער אין קלאוק טרייד. מעהר ניט, ער שטעלט זיך ארום מיט א צאם פון א סאב־מאנופעקטשורער, כדי זיך אויסצודרעהען פון אירגענד וועלכער פאראנטווארטליכקייט פאר די ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער. זי האט באשולדיגט דעם דזשאבער, דאס ער האט באשאפען א גארגעל־שניידערנדע קאנקורענץ צווישען איין קאנטראקטאר און א צווייטען, און דורכדעם געבראכט צו א שרעקליכען צושטאנד, פון וועלכען די ארבייטער ליידען אהן א שיעור! זי האט גע'טענה'ט, דאס די כאאטישע דזשאבער־סאב־מאנופעקטשורער סיסטעם איז פאראנטווארטליך פאר די קורצע ארבייטס־סיזאנס אין דער קלאוק אינדוסטריע, וועלכע ווערען אלץ קירצער און קירצער.

די יוניאן האט כסדר אנגעוויזען, דאס עפעס מוז געטאן ווערען דאס אפצושטאפען. זי האט געוויזען, ווי אזוי די קלאוק שעפער זיינען צופיצעלט און צוברעקעלט געווארען, און דאס די סיסטעם פון פראדוקציע, וואס די דזשאבערס האבען איינגעפיהרט, גראבט אונטער די אינדוסטריע און זוכט צו ברענגען די ארבייטס־סטאנדארדס פון די קלאוקמאכער צו א צושטאנד וואס קאן מעהר ניט טאלערירט ווערען.

* * *

וואס זאגט דער קאמישאנ'ס רעפארט וועגען דער יוניאנ'ס טענות און אנקלאגען? אט איז אן אויסצוג פון דער קאמישאנ'ס אייגענע ווערטער:

„דער דזשאבער אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע איז גאנץ אנדערש פון דעם דזשאבער אין אנדערע אינדוסטריען. אנשטאט צו זיין בלויז א האלסייל פארקויפער, איז ער אינדירעקט א מאנופעקטשורער. ער קויפט זיינע מאטעריאלען און נאכדעם טוילט ער אויס די פראדוקטען צו אן עלאסטישער און זיך בייטענדער גרופע פון קליינע מאנופעקטשורערס וועלכע פאלגען נאך בנוגע צו סטייל צו זיינע אינסטרוקציעס. זיין הויפט באשעפטיגונג איז גרויס־פראדוקציע, צו פארקויפען די פארטיגע קליידער פון די „רעקס". און דורך דעם וואס צו זיי געהערט די שאפ און זיי דירעקטירען דעם פלוס פון די ארדערס אין די סובמאנופעקטשורינג שעפער זיינען די דזשאבערס די ווירקליכע קאפיטאליסטען אין דיזען גרויסען ברענטש פון דעם מאנופעקטשורינג פראצעס, באטש זיי באשעפטיגען ניט קיין ארבייטער און זיי האלטען זיך ניט פאראנטווארטליך פאר די ארבייטער סטאנדארדס. צוליב דעם טאקע זיינען זיי ניט פאראינטערעסירט צו פארלענגערען די סיזאנס, ווייל די אווערהעד הוצאות פון מאנופעקטשורינג טראגען די גרויסע צאהל קליינע סובמאנופעקטשורערס, יעדערער מיט א קליינעם לאפט און עטליכע מאשינען."

און נאך מעהר:

„וועלענדיג באשטימען די שייכות צווישען דזשאבער, סובמאנופעקטשורער און ארבייטער דארפען מיר זיין פאראינטערעסירט ניט אזויפיל מיט דער פארמע ווי מיט דעם אינהאלט. מיט וועלכען נאמען ער זאל זיך ניט רופען, דער דזשאבער קאנטראלירט די ארבייטס באדינגונגען; ער קאנטראלירט די באשעפטיגונג און דיזער עלעמענט פון קאנטראל לעגט אויף איהם ארויף די פאראנטווארטליכקייט אז ער זאל אזוי אנפיהרען זיינע געשעפטען, אז אנשטענדיגע ארבייטס סטאנדארדס זאלען קאנען אויפגעהאלטען ווערען אנשטאט אונטערגעגראבען ווערען און אז באשעפטיגונג זאל סטאביליזירט ווערען אנשטאט דעמאראליזירט ווערען."

* * *

און איצט לאמיר הערען וואס דער קאמישאנס רעפארט האט צו זאגען אין באצוג דער יוניאנס אנקלאגען, וועגען פארשפרייטען א פארניכטענדע קאנקורענץ צווישען די סאבמאנופעקטשורערס:

„פון דער צווייטער זייט קומט דער סוב מאנופעקטשורער אין קיינע באריהרונג מיט דעם ריטייל טרייד. זיי לאזען ארויס זייער ווארע דורך דעם דזשאבער. זיי קענען ניט שאפען קיין נאכפראגע פאר זייער פראדוקציע. מעהרסטענטיילס פארמאגען זיי ניט קיין גענוג קאפיטאל צו קויפען מאטעריאלען. זיי זוכען ארבייט און מאטעריאלען פון דעם דזשאבער. זוכענדיק ארבייט פון די דזשאבערס קאנקורירען זיי שרעקליך איינע מיט די אנדערע. דיזע קאנקורענץ ווערט נאך פארשטארקט דורך אן אנדער באדינגונג וואס ליגט הינטער דעם. יעדער וואס פארמאגט עטליכע הונדערט דאלאר קאן דינגען א פלאץ אין א קליינעם לאפט, צונויפקלייבען עטלאכע ארבייטער וועלכע זיינען אומגעגאנגען אהן ארבייט אין דעם שטילען סעזאן און זיך אריינווארפען אין דער קאנקורענץ צו קריגען ארדערס פון דעם דזשאבער. בוכשטעבליך הונדערטע אזעלכע קליינע שעפער ווערען געעפענט און פארמאכט יעדען יאהר.

און וואס איז דער רעזולטאט פון אט דער סיסטעם?

„עס האט געבראכט שאדען פאר אלעמען" — ענטפערט דער קאמישאנ'ס רעפארט.

עס האט געבראכט צו דעם, דאס טויזענטער מענשען, וואס שטעלען צונויף די ארמיי פון סאב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס, פארברויכען די מעהרסטע פון זייער צייט אין די „ווייטינג רומס" פון די דזשאבערס. דאס מיינט, אז זיי פארטוען זייער גאנצע ענערגיע אויף דעם, ווי אזוי ארויסצוקריגען פון דזשאבער דאס ביסעל ארבייט; דאס מיינט א זעהר שלעכט ארגאניזירטע פראדוקציע אויף א פארצייטיגען שטייגער; עס מיינט אן אפגעשטאנענקייט אין אלע הינזיכטען פון דער פראדוקציע און א גרויסע אויסברענערשאפט. וויפיל געלט עס ווערט אומזיסט אוועקגעצאהלט פאר די לאפטס וואו די שעפער געפינען זיך, און וועלכע שטעהען מייסטענס ליידיג! און אפילו ווען מען ארבייט דארטען, שטעהט אויך ליידיג א העלפט פון דעם שאפ.

* * *

דאס אומאונטערבראכענע וואקסען פון דער ארמיי פון סאב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס, און די נעדריקסטע לאגע וואס די אונמענשליכע קאנקורענץ צווישען זיי ברענגט מיט זיך, איז ניט עפעס וואס האט צו טאן נאר מיט זיי אליין. דער פאקט איז, דאס עס זיינען די ארבייטער, וואס דארפען פאר דעם אלעמען באצאהלען. זיי דארפען באצאהלען דעם ביל פאר די אלע פארשווענדערייען פון געלט און צייט, אין דעם כאאטישען צושטאנד פון דער קלאוק אינדוסטריע.

זאגט וועגען דעם דער רעפארט:

„א גרויסען טייל פון די סובמאנופעקטשורערס איז ערפאלגרייך געלונגען ארויפצולעגען די לאסט אויף די ארבייטער. ווייל דער שאפ איז קליין, איז פארהעלטניסמעסיג דא זעהר א נאהענטע פארבינדונג צווישען די ארבייטער און דער פירמע. ווען ארבייט איז דא ווייניג, ווי דאס איז געוועהנליך, א חוץ א פאר וואכען אין סעזאן, זאגט מען די ארבייטער, אז אום צו באגעגענען די נויטווענדיגקייט פון קאנקורענץ אין פרייז און קריגען ארבייט אין שאפ אריין מוזען זיי אריינגעהן אין געהיימע אפמאכען (מיט די באלעבאטים) אין געגענזאץ צו די מינימאלע ארבייטס סטאנדארדס וועלכע זיינען באשטימט געווארען און וועלכע ווערען געווייגלאך, אנגעהאלטען אין די גרעסערע שעפער פון די אינסייד מאנופעקטשורערס.

דיזע קאנצעסיעס פון די ארבייטער נעהמען אן פארשיידענע פארמען. אין מעהרסטען באשטעהט עס אין די ווייזשעס, די שטונדען, די ראטע פון צאהלונג פאר אווערטיים, די ארבייט אין א יום טוב טאג און שטיק־ארבייט אנשטאט קריגען באצאהלט פער שטונדע. דאס אלעס ווערט געטאן אהן דעם וויסען פון די פארשטעהער פון דער יוניאן און ווערט אפט אויסבאהאלטען אפילו אין די ביכער פון דער פירמע."

* * *

דער רעפארט פון דער קאמישאן פארענדיגט וועגען דעם פונקט מיט א סטייטמענט, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, דאס פון אן אינדוסטריעלען שטאנדפונקט איז עס „כאאטיש און דעמאראליזירענד".

די ארבייטער וואלטען געווען גאנץ גערעכט, ווען זיי זאלען זיך אינגאנצען אנטזאגען צו געהן ארבייטען אין די קליינע אויטסייד שאפס פון די סאב־מאנופעקטשורער, וואו זיי קומען ניט אין באריהרונג מיט זייערע אמת'ע באלעבאטים, די דזשאבערס, און זיינען געצוואונגען צו האנדלען מיט א גרויסער צאהל באלעבאטימלאך, וואס בייטען זיך כסדר און קאנען ניט זיין פאראנטווארטליך פאר דער ארבייט. אונגליקליכערווייז האט אבער אט די דזשאבער־סאב־מאנופעקטשורער סיסטעם זיך אזוי אויסגעשפרייט, און זיך אזוי איינגענעסען, דאס עס וואלט געווען אומפראקטיש איצטער זיך צו פארנעמען רעפארמירען די אינדוסטריע אויף אזא אופן, — פון דרויסען. וואס עס פאדערט זיך איצטער, איז א ראדיקאלע אומענדערונג פון אינווייניג; עס פאדערט זיך איינצושטעלען א בעסערע ארדנונג, און אוועקמאכען מיט דעם וואס אין די ווערטער פון דער קאמישאן: „וואס פארשפרייט רואינע צו אלע וואס באטייליגען זיך אין דער דאזיגער סיסטעם פון פראדוקציע".

* * *

אט דאס איז די דיאגנאזע וואס דער רעפארט פון דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האט אויסגעשטעלט אויף דער דזשאבינג סאב־מאנופעקטשורינג סיסטעם, מיט אלע איהרע איבלען.

ווי מיר האבען שוין פריהער באמערקט, שטימט דער רעפארט כמעט אין גאנצען איין, מיט דעם אנאליז וואס די יוניאן האט שוין פריהער געמאכט, מכח דער שייכות צווישען די דזשאבערס און די סאב־מאנופעקטשורערס אין דער אינדוסטריע, און די ווירקונג וואס עס האט אויף די ארבייטס־באדינגונגען פון אונזערע מיטגלידער. אונזער שטאנדפונקט אין באצוג אט די פראגען, וועגען וועלכע מיר פיהרען אן א דיסקוסיע מיט די באלעבאטים שוין באלד דריי יאהר צייט, איז אזוי נאך, נאך מעהר באפעסטיגט געווארען. און אונזער טעאריע, אנווייזענדיג פון וואנען עס שטאמען אט די הויפט־איבלען אין דער אינדוסטריע, פון וועלכע אונזערע מיטגלידער ליידען אזוי פיל, האט זיך ארויסגעוויזען פאר ריכטיג אין אלע הינזיכטען.

נאטירליך, זיינען מיר פון דעם גאנץ צופרידען, און דאס גיט אונז אויך די האפנונג צו ערווארטען, דאס פונקט אזוי גוט ווי אונזער דיאגנאזע פון די איבלען אין דער קלאוק אינדוסטריע, וואס אונזער יוניאן האט געמאכט מיט א דריי יאהר צוריק האט זיך ארויסגעצייגט פאר ריכטיג און אונבאשטרייטבאר, אזוי וועט זיך אויך ארויסווייזען פאר גוט און ריכטיג די אלע אינדוסטריעלע רעפארמען וואס מיר האבען פארגעשלאגען אויפ'ן גרונט פון דער דיאגנאזע. און אט די רעפארמען וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארען צו די באלעבאטים, וועלען שליסליך מוזען אנגענומען ווערען, כדי די אלע איבלען אין דער קלאוק אינדוסטריע זאלען אפגעשאפט ווערען.

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין דריי וואכען ארום עפענט זיך די יוניטי הויז, די פראכטפולע זומער היים אויף די „בלויע" בערג פון פענסילווייניא, וואס געהערט צו אונזערע מיטגלידער דורך דער אינטערנעשאנאל. דאס וועט זיין איהר אכטער סעזאן.

פאר די מיטגלידער פון אונזער יוניאן דארפען מיר קוים דערצעהלען וואס די יוניטי הויז איז. וואס פאר א וואונדער־שעהנער פלאץ דאס איז, וואס ברענגט געזונט און א נייע לעבען צו אלע די, וואס קומען אהין פאר זייער וועקיישאן. טויזענטער פון זיי זיינען שוין דארט געווען, און וויסען עס אליין גאנץ גוט. עס זיינען אבער אויך דא טויזענטער פון אונזערע מיטגלידער, וואס האבען געהערט ווי אנדערע לויבען די יוניטי הויז און אליין זיינען זיי דארט נאך נישט געווען. און אט די מענשען האבען ביז איצט גאנץ געווים נאר א סך פארלארען. און מיר האפען, אז זיי

א שפּאַציר אין די דרעס־שעפּער

פון א לייבעל אינספּעקטאָר

זאָגט צו מיר דר. הענרי מאָסקאָוויטש, דער דירעקטאָר פון דעם „לייבעל־דעפּאַרטמענט": כאַפּ זיך אריבער אין די דרעס־שעפּער און ווער געוואָהר פאַרוואָס אזוי ווייניג לייבעלס ווערען פאַרקויפט אין דער דרעס־אינדוסטריע.

אַנגעלאָדען מיט די קאַרטען פון יעדען איינציגען קאָנטראַקטאָר, לאָז איך מיך אוועק אויף דער רייזע. איך האָב אויסגעקליבען גאַסען, וואָס געפינען זיך דירעקט לעבען דער „דרעס־מאַכער יוניאָן". איך האָב אַנגענומען, אז די שעפּער אמווייניגסטען ווערען קאָנטראָלירט פון דער יוניאָן, אז די ביזנעס אגענטען שטאַטען דאָרט אָפּטער אָפּ א באַזוך, און אז איך וועל דערפאַר מיין בעל־הבית אימשטאַנד זיין צו ברענגען גוטע נייעס; נייעס, אז דער לייבעל ווערט באַנוצט ווען ניט א 100 פּראָצענט, איז אַמווייניגסטען א 50 פּראָצענט.

איך האָב אָבער א טעות געהאַט. שוין אין די ערשטע שעפּער האָב איך געזעהן, אז איך וועל האָבען א שווער שטיקעל ארבייט, אז די ארבייטער האָבען ניט אַנגעזעהען א לייבעל פאַר די אויגען פאַר די לעצטע מאָנאַטען, אז א גלייכגילטיגקייט באַהערשט די ארבייטער, אז זיי זיינען אינדיפערענט צו אַלץ און אַלעמען, אז דער לייבעל ליגט זיי ניט אין דער לינקער פּאה און אז זיי פּוילען זיך אַנצונייען דעם לייבעל, ווייל זיי פאַרלירען א סעקונדע דאַביי.

איך בין געוואָהר געוואָרען, אז אין מאַנכע פאַלען אַנטזאָגען זיך די באָסעס צו קויפען לייבעלס, אז קלאַגען זיינען געשיקט געוואָרען פון דעם „לייבעל דעפּאַרטמענט" סאַי צו דער יוניאָן סאַי צו דער אַסאָסיאיישאָן, און אז אַלץ איז געבליבען ווי געווען. די באָסעס קויפען ניט קיין לייבעלס און די גאַנצע ארבייט ווערט ארויסגעשיקט צו די דזשאָבערס אָהן דעם יוניאָן לייבעל.

אין מאַנכע שעפּער האָבען די ארבייטער מיר געוואָלט אויפווייזען, אז זיי זיינען ניט די איינציגע, וואָס נייען ניט די לייבעלס, אז אין אַלע אַנדערע שעפּער געברויכט מען אויך ניט דעם לייבעל און אז מען דאַרף איבערהויפּט ניט האָבען דעם לייבעל. עס פאַרשטעהט זיך, אז דאָס אַלץ האָבען זיי געטאָן אין דער אַנוועזענהייט פון דעם באָס. און דער באָס איז דערביי געשטאַנען און אַנגעקוואָלען. ער האָט ביי זיך אודאי געטראַכט: צו וואָס זאָל איך ארגומענטירען מיט דעם אינספּעקטאָר, ווען איך האָב מיינע געטרייע שקלאַפען און דינער, וואָס טוען עס פאַר מיר.

די ארבייטער האָבען אויך געהאַט טענות, פאַרוואָס די יוניאָן שיקט ניט קיין ביזנעס אגענטען נאָכצוזעהן צי זיי מאַכען א לעבען צי ניט. פאַרוואָס מען קימערט זיך ניט צי זיי האָבען ארבייט צי ניט און טויזענד און איין אַנדערע טענות. די יוניאָן טוט ניט דאָס און די יוניאָן טוט ניט יענעס. וועגען אַלץ אינטערעסירען זיי זיך, נאָר ניט וועגען דעם וואָס עס געהט פאָר אין זייער אייגענעם שאָפּ.

ארום און ארום האָב איך באַזוכט אין די ערשטע פאַר טעג פון דער וואָך 80 שעפּער. 59 אַסאָסיאיישאָן שעפּער און 21 אינדעפּענדענט. פון אָט די שעפּער האָבען 12 ניט געארבייט. עס פאַרשטעהט זיך, אז די בעלי בתים פון די 12 שעפּער האָבען גוטמוטיג דערקלערט מען זאָל זיי געבען ארבייט, וועלען זיי געברויכען לייבעלס. דיזעלבע שעפּער האָבען אָבער פריהער, ווען זיי האָבען געארבייט, אויך ניט באַנוצט קיין לייבעלס.

זעקס פון די 80 שעפּער האָב איך איבערהויפּט ניט געקענט באַזוכען. זיי זיינען ווי אין וואַסער אריין. איבערנאַכט זיינען די בעלי בתים פון זיי פאַרשוואונדען, און אַפילו ניט איבערגעלאָזט א נייעם אַדרעס. דאָס איז ניט קיין נייעס אין דער דרעס אינדוסטריע. היינט דאָ, מאָרגען דאָרט און איבערמאָרגען אין ערגעץ ניט.

פון אַלע איבעריגע שעפּער, 62 אין צאָהל, האָבען בלויז 9 שעפּער געהאַט לייבעלס אויף אַלע דרעסעס. אין די דאָזיגע שעפּער גיבען די טשערליים אַכטונג, אז אַלע קליידער זאָלען האָבען לייבעלס. זיי זיינען שטענדיג אויף דער וואָך און לאָזען ניט צו, אז דרעסעס זאָלען ארויסגעהן פון זייערע שעפּער אָהן לייבעלס.

אין די איבעריגע 53 שעפּער ווערט גאַנץ געשמאַק געארבייט. אָבער פון לייבעלס ווייס מען דאָרט גאָרנישט. אין די מעהרסטע פעלע איז עס די שולד פון די ארבייטער גופא. די באָסעס האָבען געקויפט לייבעלס, וועלכע זיי האָבען איבערגעגעבען צו די טשערליים. די לייבעלס ליגען פאַר די נעז פון די אָפּערייטאָרס. קיינער ריהרט זיך אָבער צו זיי ניט צו.

מאַנכע קאָנטראַקטאָרען האָבען בלויז איינמאָל געקויפט לייבעלס זינט דער לייבעל איז איינגעפיהרט געוואָרען אין דער דרעס אינדוסטריע. דאָס איז ניט אזוי זייער שולד, ווי די שולד פון די ארבייטער. צו וואָס זאָלען זיי קויפען לייבעלס, ווען די אָפּערייטאָרס האָבען נאָך ניט אויסגענוצט די אַלטע?

אין א סך שעפּער האָבען מיר טאַקי די בעלי־בתים געשיקט צו די טשערליית מיט זיי צו ריידען וועגען די לייבעלס. זיי האָבען גאָרניט דאַגעגען, אז די לייבעלס זאָלען גענייט ווערען, האָבען מיר די בעלי בתים ערקלערט, די ארבייטער ווילען עס אָבער ניט טאָן. עס איז דאָך ניט זייער אויפגאַבע צו צווינגען די ארבייטער צו זיין גוטע יוניאָן־לייט און אָפּצוהיטען זייערע אייגענע אינטערעסען!

דער אָפּיס פון דעם „לייבעל דעפּאַרטמענט" האָט ארייננעשיקט זעקס קאָמפּליינטס וועגען א געוויסער פירמע, וועלכע באַנוצט ניט קיין לייבעלס. די לעצטע קאָמפּליינס זיינען ארייננעשיקט געוואָרען דעם 1טען אַפּריל און דעם 4טען מאַי פון דעם יאָהר. אָבער ווען איך בין די וואָך דאָרט געווען, האָב איך ווידער געפונען אַלע דרעסעס אָהן לייבעלס. פאַרוואָס איז עס אזוי? האָט די יוניאָן אהין ארויבערגעשיקט א ביזנעס אגענט? און ווען יאָ, וואָס האָט ער געטאָן? איז עס פאַר דער יוניאָן אזוי שווער דורכצופיהרען ביי די ארבייטער, אז זיי זאָלען באַנוצען די לייבעלס פאַר די דרעסעס?

עס איז געווען א צייט, און גאָרניט לאַנג צוריק, ווען א ביזנעס־אגענט איז ארויפגעגאַנגען אין א שאָפּ, נאָכדעם ווי אַן אינספּעקטאָר האָט געבראַכט א קלאַגע, אז דאָרט ווערען קיין לייבעלס ניט גענייט, האָט ער אויסגעפיהרט, אז מעהר קיין קלאַגעס זאָלען געגען דעם שאָפּ ניט געבראַכט ווערען. לייבעלס זיינען שוין פון דאַן אַן גענייט געוואָרען.

פאַרוואָס קאָן מען עס איצט ניט דורכפיהרען? זיינען עס דען אַנדערע ארבייטער ווי פאַר א יאָהרען?

עס איז ניט נויטיג אויסצורעכענען אַלע שעפּער, וועלכע איך האָב באַזוכט. כמעט איבעראַל האָב איך געפונען איין און דיזעלבע לאַגע. א גלייכגילטיגקייט מצד די ארבייטער און א נאַכלעסיגקייט מצד די ביזנעס אגענטען בנוגע דער יוניאָן קאָנטראָל. אָט בין איך אין א שאָפּ אויף דער 21טער גאַס, די פירמע האָט בלויז איין מאָל געקויפט לייבעלס. דאָס איז געווען דעם 28טען אַפּריל, 1925. באַלד ווי דער לייבעל איז איינגעפיהרט געוואָרען אין דער דרעס אינדוסטריע. זייט יענעם טאָג זיינען א סך אינספּעקציעס דאָרט געמאַכט געוואָרען. דער „לייבעל דעפּאַרטמענט" האָט פינף מאָל ארייננעשיקט א קלאַגע צו דער יוניאָן, אז דאָרט ווערען ניט גענייט קיין לייבעלס. די לעצטע קלאַגען זיינען געמאַכט געוואָרען דעם 28טען אַפּריל און דעם 4טען מאַי פון דעם יאָהר. ביי מיין לעצטער אינספּעקציע האָב איך ווידער געפונען אַלע דרעסעס אָהן לייבעלס.

וואָלט דאָס מעגליך געווען, ווען די יוניאָן וואָלט באַלד אַטענדעט צו די קאָמפּליינס, וועלכע זי באַקומט טאָג־איין טאָג־אויס פון דעם „לייבעל דעפּאַרטמענט"? דער פאַקט גופא, אז פינף קלאַגען זיינען געבראַכט געוואָרען געגען דעם שאָפּ און די יוניאָן האָט גאָרניט אונטערנומען געגען דעם באָס, מוז דעמאָראַליזירענד ווירקען אויף די ארבייטער. און אויף דעם בעל הבית אויך. האָבען דאָך מאַנכע באָסעס דירעקט צו מיר געזאָגט: „וואָס קאָן שוין די יוניאָן אויפטאָן געגען די דזשאָבערס, אז זי קאָן אַפילו געגען א קליינעם באָס אויך גאָרניט טאָן?"

איך וואָלט נאָך געקענט דערמאָנען פאַרשידענע שעפּער, וועלכע האָבען בלויז איינמאָל געקויפט לייבעלס. זיי האָבען זיי אָבער קיינמאָל ניט געברויכט. קלאַגען נאָך קלאַגען זיינען געשיקט געוואָרען צו דער יוניאָן און צו דער אַסאָסיאיישאָן, אָבער אָהן שום רעזולטאַט. איך וועל נאָר נאָך דערמאָנען איין כאַראַקטעריסטישען פאַל און וועל זיין צו ענד פאַר דעם היינט־וואָכעדיגען באַריכט.

דער שאָפּ געפינט זיך אין 212 וועסט 31טע סטריט. די פירמע האָט געקויפט לייבעלס דעם 16טען יוני, 1925. פון דאַן אָן האָט זי מעהר קיין לייבעלס ניט געקויפט. דער שאָפּ טשערמאַן באַגרייפט גראַד די ניצליכקייט פון דעם לייבעל און וויל, אז זיי זאָלען אָנגענייט

(שלוס אויף זייט 12).

מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן

א מיטינג פון דעם דזשאָינט באָארד, פון די לאָקאַלס 2, 3, 9, 10, 21, 22, 23, 35, 45, 48, 64, 82 און 89 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען פרייטאָג, דעם 21טען מאַי, 1926, אין 3 וועסט 16טע סטריט.

דער פּראָטאָקאָל פון דעם דזשאָינט באָארד פון דעם 14טען מאַי ווערט פאַרגעלעזען און גוטגעהייסען.

קאָמיטעס:

מ. קאַסטינסקי, א פאַרטרעטער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד טאַבעקאָ ארבייטער יוניאָן", וועלכע פיהרט אַן א סטרייק שוין עטליכע וואָכען געגען דער „נעטשוראַל בלום סיגאַר קאָמפּאַני", פאַרלאַנגט, אז דער דזשאָינט באָארד זאָל זיי פינאַנציעל און מאָראַליש שטיצען.

דער פאַרלאַנג ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאַנץ קאָמיטע.

שוועסטער ע. פרידמאַן, פון דער אינטערנעשאָנאַל יוניטי הויז קאָמיטע, פאָדערט אויף די דעלעגאַטען צו בוסטען זייער זומער היים, כדי דער סיזאָן זאָל זיין א גרויסער ערפאָלג.

א קאָמיטע פון די „אַמעריקאַן שוה פּראָטעקטיוו יוניאָן" פאַרלאַנגט פינאַנציעלע שטיצע אין זייער איצטיגען סטרייק.

דער פאַרלאַנג ווערט איבערגעגעבען צו דער פינאַנץ קאָמיטע.

צושריפטען:

לאָקאַל 22 אינפאָרמירט, אז שוועסטער עמאַ יאַניסקי איז ערוועהלט געוואָרען אַלס זייער פאַרטרעטערין אין דעם דזשאָינט באָארד.

די שוועסטער ווערט צוגעלאָזען.

לאָקאַל 35 הייסט גוט די פּראָטאָקאָלען פון'ם דזשאָינט באָארד פון דעם 7טען און 14טען מאַי און די באַריכטען פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם 5טען און 12טען מאַי, מיט דער אויסנאַמע פון דעם באַשלוס צוריקצואָווייזען ביזנעס אייטדזשענט בערקאָוויץ'ס רעזיגנאַציע.

לאָקאַל 45 הייסט גוט די באַריכטען פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם 21טען און 28טען אַפּריל און דעם 5טען און 12טען מאַי, ווי אויך די פּראָטאָקאָלען פון'ם דזשאָינט באָארד פון דעם 23טען אַפּריל און דעם 7טען און 14טען מאַי.

דער זעלבער לאָקאַל פאַרלאַנגט, אז דער דזשאָינט באָארד זאָל שיקען א קאָמיטע צו אַדרעסירען זייער מאַס מיטינג שבת נאָכמיטאָג, דעם 22טען מאַי, אין דעם פּענסילווייניא האָטעל.

דער פאַרלאַנג ווערט באַוויליגט, און די ברידער קאַלאַוו, מילער און בערלין ווערען אינסטרואירט אַנוועזענד צו זיין אויף דעם מיטינג.

לאָקאַל 82 הייסט גוט דעם פּראָטאָקאָל פון דעם דזשאָינט באָארד פון דעם 14טען מאַי און דעם באַריכט פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם 12טען מאַי.

לאָקאַל 89 פּראָטעסטירט געגען די גרויסע אויסגאַבען פון'ם דזשאָינט באָארד אין די לעצטע עטליכע מאָנאַטען, און פאַרלאַנגט, אז די לאַגע זאָל פאַרבעסערט ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך.

סעקרעטאַר־טרעזשורער ברודער פיש ערקלערט, דאָס אזוי שנעל ווי די סיטואַציע אין דער קלאָוק אינדוסטריע וועט אויסגעגליכען ווערען, וועלען די לאָקאַלס מענעדזשערס צוזאַמענגערופען ווערען זיך אריינצוטראַכטען אין דער לאַגע.

דער זעלבער לאָקאַל הייסט גוט די באַריכטען פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם 28טען אַפּריל, דעם 5טען און 12טען מאַי און די פּראָטאָקאָלען פון'ם דזשאָינט באָארד פון דעם 7טען און 14טען מאַי.

דער דזשאָינט באָארד ווערט איינגעלאַדען אַנטייל צו נעמען אין א קאָנפערענץ דעם 29טען מאַי אום 10 אוהר פריה אין פּאַסייק, נ. דזש. בנוגע דעם פּאַסייק סטרייק.

די ברידער ווייסבערג און וויים ווערען אַפּאָינטעט צו פאַרטרעטען דעם דזשאָינט באָארד אויף דער קאָנפערענץ.

דער דזשאָינט באָארד באַשליסט אויך צו שיקען א דעלעגאַציע און א טעלעגראַמע צו דער דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען פאַר א 40 שטונדיגער ארבייטס וואָך.

די ברידער אַלקין, פרייער, גרינבערג, פּאַרער, ארטש, לאַנדסבערג, דייווידאָף, פּראָקאָפּ, טערמיני, סייפּס, מאַלען, באַראַני און שוועסטער קראַנהאַרט שטעלען צוזאַמען די קאָמיטע צו פאַרטרעטען דעם דזשאָינט באָארד אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען.

דזשענעראַל מענעדזשער'ס באַריכט:

בר. הייטאַן באַריכטעט, אז ער איז אָנוועזענד געווען אויף'ן קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן, וועלכער איז פאַררופען געוואָרען פון דער „קאָמיטע פאַר די פּראָטעקשאָן אָוו פאָרעין־באָרן סיטיזענס", וואו פילע ארבייטער און פראַטערנאַל ארגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרטראַטען. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסען צו אַפּעלירען צו אַלע ארבייטער און אַנדערע ארגאַניזאַציעס צו באַקעמפען די געזעצען, וועלכע קאָנגרעס האָט איצט פאַר זיך געגען די ארבייטער, וועלכע קומען פון יענער זייט.

ברודער היימאַנ'ס באַריכט ווערט גוטגעהייסען.

סעקרעטאַר־טרעזשורער ברודער פיש לעזט דאַן פאָר דעם באַריכט פון דער גאָווערנאָר'ס קאָמישאָן. פּרעזידענט מאָריס זיגמאַן און דזשענעראַל מענעדזשער הייטאַן מאַכען אויפמערקזאַם אויף איינינע פונקטען אין דעם באַריכט.

דער באַריכט פון דער גאַווערנאָר'ס קאָמישאָן ווערט דאַן איבערגעגעבען צו די באָארד אָוו דירעקטאָרס צו פאַרהאַנדלען אויף א זיצונג, מאָנטאָג, איינס אוהר נאָכמיטאָג און צו באַריכטען נאָכדעם צו דעם דזשאָינט באָארד אויף איהר ספּעשעל מיטינג, מיטוואָך.

פינאַנץ קאָמיטע באַריכט:

די פינאַנץ קאָמיטע רעקאָמענדירט, אז 15 דאָלאַר זאָל ביישטייערט ווערען צו דער „דעבאָראַ דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף סאָסייעטי".

די רעקאָמענדאַציע ווערט גוטגעהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאָסען.

דזשאָזעף פיש,
סעקרעטאַר־טרעזשורער.

ענטפערס פון רעדאַקציע

ד. סטאַר, לאָקאַל 2. — אייער בריוועל איז אַביסעל פאַרלעגען געוואָרען, צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ. איהר וועט געפינען געדרוקט אייער בריוועל אין דעם קומענדען נומער. וואָס אַנבאַלאַנגט בריף פון לעזער, דרוקען מיר זיי, צי מיר זיינען יאָ איינפאַרשטאַנען אָדער ניט איינפאַרשטאַנען מיט זייער אינהאַלט. די הויפּט־זאַך איז, אַבי דאָרט זיינען ניטאָ קיין זידלערייען אָדער זלזולים אויף וועמען עס איז, אָהן א שום באַגרינדונג. זאָגען א מיינונג וועגען עפּעס איז אודאי יעדען ערלויבט. מען מעג אויך קריטיקירען פּערזאָנען און פיהרונגען. עס דאַרף אָבער אַלץ געטאָן ווערען מיט א טאַקט, מיט דער אַבזיכט צו מאַכען די לאַגע אין דער יוניאָן בעסער און ניט מיט דער אַבזיכט בלויז אויפצורייצען די געמיטער. אַזא טאַקטיק האָט קיינמאָל דער יוניאָן ניט געטאָן קיין טובות, און איצט אודאי ניט.

י. ב., לאָקאַל 35. — מיר דרוקען ניט קיינע בריף אָהן אַן אונטערשריפט. איבערהויפּט א בריף פון איינעם, וואָס וויל אזוי פיל וויסען וועגען דעם פינאַנציעלען צושטאַנד פון דעם ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד. אויב איהר ווילט ניט פאַר אירגענד עפּעס אַן אורזאַך באַקאַנט מאַכען אייער נאָמען, קענט איהר קריגען אַן ענטפער אויף אייערע פראַגען ניט דורך דער פּרעסע. געהט צו די מעמבער־מיטינגען פון אייער לאָקאַל און פרעגט דאָרט די פראַגען. מיר קענען יעדענפאַלס ניט ענטפערען אויף אייערע פראַגען. וואָס אַנבאַלאַנגט די פינאַנצען פון דער יוניאָן, קענט איהר, אַלס מעמבער פון דער יוניאָן, האָבען א גרויסע דעה. איהר דאַרפט געהן צו די יוניאָן־מיטינגען און בכלל זיך מעהר אינטערעסירען מיט'ן לעבען פון דער ארגאַניזאַציע. דאָרטען, אויף די מיטינגען, קענט איהר שטעלען אייערע פראַגען און באַשטעהן, איהר זאָלט באַקומען אַן ענטפער.

משה מ—ד, לאָקאַל 2. — אייער „פריהלינג־ליד" איז ניט דרוקבאַר. עס איז ניטאָ דאָרט אַפילו א סימן פון דעם, וואָס מען רופט פּאָעזיע. און לויט אונזער מיינונג, האָט איהר ניט קיינע אויסזיכטען צו ווערען א דיכטער. און ניט גענוג, וואָס אין דער „ליד" איז ניטאָ קיין זכר פון פּאָעזיע, שרייבט איהר נאָך דייטשמעריש אויך. גלייך אין דער ערשטער שורה שרייבט איהר, למשל, „די פריהלינגס זאָננע". וואָס דאַרפט איהר די „זאָננע"? דאַכט זיך, אז „די פריהלינג־זון" קלינגט א סך שענער פאַר אונזערע אידישע אויערען! צו וואָס געברויכען א „טייטשיש" וואָרט, ווען עס איז דאָ א שעהן אידיש וואָרט דערפאַר? און, אדרבא, וואָס קען נאָך זיין שענער, ווי די זון? נאָר טאַקע, זייט איהר א דייטש, טאָ אַנטשולדיגט. ווי זאָגט איהר אין אייער בריוועל — „וועלען מיר אזוי אויך בלייבען גוטע פריינד".

— מעמבער לאָקאַל 69, פילאַדעלפיע. מיר קענען ניט פאַרשטעהן, וואָס איהר ווילט וויסען אין באַצוג דעם ערשטען מאַי. שרייבט, מען זאָל עס קענען איבערלייענען, וועלען מיר אייך געוויס ענטפערן. שרייבט אייך אונטער אייער נאָמען.

דער אינדוסטריעלער קריזיס אין ענגלאנד

פון דר. הערמאן פראנק

דער היסטארישער גענעראל סטרייק אין ענגלאנד האט צום ערשטען מאל באוויזען דער וועלט, ווי אומגעהייער שטארק עס איז די קראפט פון ארבייטער אחדות און סאלידאריטעט. ביז יעצט האבען די באוואוסטזיניגע ארבייטער בלויז טעארעטיש געוואוסט ווי מעכטיג עס קען ווערען זייער פאראייניגטער ארויסטריט אין אן אינדוסטריעלען לאנד. א דייטשער ארבייטער דיכטער, הערוועג, האט נאך מיט 60 יאהר צוריק, אין א ספעציעלען ליד, פון וועלכען מיר איבערזעצען עטליכע שורות, באזונגען דעם גענעראל סטרייק:

מענש פון ארבייט, אויפגעוואכט!
און דערזעה שוין דו דיין מאכט:
אלע רעדער שטעהען שטיל,
ווען דיין שטארקע האנט עס וויל.

נאטירליך, האט דוקא ענגלאנד, דאס לאנד וואו די מאדערנע טרייד־יוניאן באוועגונג האט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע, געמוזט פריהער אדער שפעטער ווייזען בפועל ממש די ווירקזאמקייט פון דעם לעצטען און שטארקסטען קאמפס־מיטעל פון ארבייטער קלאס. אין דעם זינען איז די אנטוויקלונג געקומען ניט גאנץ אומגעריכט, אבוואהל זי ברענגט אנדערע רעזולטאטען ווי די וועלכע א סך האבען פון איהר ערווארט.

די גרעסטע אנטוישונג וועט דער ענגלישער גענעראל סטרייק מסתמא פארשאפען די יעניגע ארבייטער, וואס גלויבען, אז אזא ארויסטריט איז שוין, אדער קאן ארויסרופען, די סאציאלע רעוואלוציע, דאס מיינט די אפשאפונג פון דער לוין־שקלאפעריי. די ענגלישע ארבייטער פיהרער זיינען אבער, אין דער גרעסטער מערהייט וויינינגסטענס, מיט א גאנץ אנדער מיינונג. זייער פארזיכטיגקייט ערקלערט זיך פשוט מיט דעם, וואס עס איז ניט מעגליך צו ברענגען דאס פאלק גלייך פון דער איצטיגער פראפיט־ווירטשאפט אין דער גערעכטער, דאס מיינט, סאציאליסטישער, טויש־ווירטשאפט. אז מיט איינמאל לאזט עס זיך ניט מאכען, און נאך אין א לאנד וואס איז אנגעוויזען אויף אן אימפארט פון 80 פראצענט פון איהרע שפייז־פראדוקטען, — פארשטעהט זיך פון זיך אליין. אויב די ענגלישע סטרייקער זאלען עס פרואווען פארווירקליכען ביסלאכווייז, דאן וואלטען זיי דערגאנגען צו מורא'דיגע איינוויינינגסטע קאמפען און צו א געפערליכען פאליטישען קריזיס און מיליטערישע דיקטאטור. דריי פערטעל פון פאלק זיינען אין אונזער צייטעלטער פארבלענדעט דורך די אונדיסציפלינירטע ליידענשאפטען און פערזענליכע אמביציעס, און דערין באשטעהט די שטארקסטע מניעה צו אן אמת'ער סאציאלער רעוואלוציע.

עקאנאמיש איז די לאגע ניט בעסער, ווי זי איז אין דער גייסטיגער באציהונג. צו שטארק זיינען מיר היינט צו טאג דערוויטערט פון דער גערעכטיגקייט און דעם גלייכען פארשטאנד אין דער פראדוקציע און אין דער פארטיילונג פון די ארטיקלען. יעדער ארבייטער אין ענגלאנד איז אנגעוויזען אויף דער גאנצער וועלט־ווירטשאפט, וויל די סיסטעם פון פראפיטירעריי און שווינדעל, פון רויב און מארד, האט זיך פעסט איינגעווארצעלט אין דעם עקאנאמישען און פאליטישען לעבען פון די אזוי גערופענע ציוויליזירטע פעלקער.

מיר וועלען אין דעם היינטיגען ארטיקעל, דורך אן אנאליז פון דעם אינדוסטריעלען קריזיס אין ענגלאנד, באקענען די לעזער מיט איניגע וויכטיגע איינצעלהייטען, וואס האבען א שייכות צו דיזע אלגעמיינע געדאנקען וועגען דעם סאציאלען לעבען פון אונזער צייט. מיר וועלען זעהן, וואס פאר א געוואלדיגען פלאנטער דער קאפיטאליזם האט באשאפען אין דעם לאנד, וואו ער איז צוערשט ארויסגעטראטען אין זיין גאנצער גרויס. אין דעם זעלבען לאנד פאדערען די איצטיגע באדינגונגען א גרינדליכע אינדוסטריעלע רעפארם. דאך פעלען אבער דערוויל ביי די ברייטע מאסען די פיזישע מעגליכקייטען דערצו, און ביי די הערשענדע קלאסען — די גייסטיגע קראפט דורכפיהרען מיט'ן פרייען ווילען, זיך אפזאגענדיג פון אלע פריווילעגיעס, אזא גרויסע עקאנאמישע רעוואלוציע.

אין דעם אינדוסטריעלען און סאציאלען לעבען פון ענגלאנד איז דער גורל פון דער קוילען אינדוסטריע פון שטענדיג געווען איינער פון די וויכטיגסטע אומשטאנדען. די ערשטע ארבייטער פארשטעהער אין פארלאמענט זיינען געקומען פון די מיין דיסטריקטען. נאך לאנג פאר דעם זיינען די ערשטע פאבריק געזעצען ארויסגערופען געווארען דורך די פראטעסטען פון די מיינערס נעגען די אוממענשליכע ארבייטס־באדינגונגען. קאלעקטיווע אגרימענטס, שידסגעריכטען און ארביטריישאן דורך א בורר זיינען אויך אמשטארקסטען אנטוויקעלט געווארען אין דיזען צווייג פון דער גרויסער ענגלישער אינדוסטריע. „דער טשעקווייהער", דאס מיינט דער ארבייטער פארטרעטער ביי דער פעסטשטעלונג פון געוויכט און קוואליטי פון אויסגעגראבענע קוילען, האט געוואלדיג געווירקט, אז ביי אלע ענגלישע ארבייטער זאל זיך באשאפען דער פארלאנג צו קריגען א דעה אין דער מענעדזשמענט פון די שעפער. די שטאטליכע רעגולירונג פון די שטונדען אין די קוילען גרובען האט געפיהרט צו א ברייטען קאמף פאר פארשידענע אנדערע וויכטיגע געזעצען וועגען דער ארבייטס־צייט. אין יאהר 1912 איז צום ערשטען מאל דער פרינציפ פון מינימום ווייזדוש איינגעפיהרט געווארען אין אזא ריזיגער אינדוסטריע פון לאנד ווי די קוילען פראדוקציע. שליסליך האט אין יאהר 1919 א באזונדערע אויספארשונגס־קאמיטע צוגעשטעלט א באגרינדעטען רעפארט, דעם אזוי גערופענעם סאנקעי באריכט, מיט רעקאמענדיישאנס צו נאציאנאליזירען די גאנצע קוילען־אינדוסטריע.

ביי אזא צושטאנד, ווען דער גאנצער סאציאלער און אינדוסטריעלער פארטשריט פון לאנד איז אזוי נאהענט פארבונדען געווען מיט דער לאגע און דעם קאמף פון די מיינערס, איז אויך קיין וואונדער ניט, דאס דער ערשטער גענעראל סטרייק איז געקומען אלס א דירעקטער רעזולטאט פון א גרויסען סכסוך אין דער קוילען אינדוסטריע.

ווי מען קען לייכט פארשטעהן, האט דער גרויסער אינדוסטריעלער פארטשריט אין טרייד אויך געמוזט פיהרען צו א פארשטארקונג פון דער יוניאן. ביז דעם יאהר 1888 זיינען די מיינערס געווען ארגאניזירט אין א סך קליינע און שוואכע יוניאנס לויט דיסטריקטס. שפעטער איז פון דיזע באזונדערע יוניאנס באשאפען געווארען די איצטיגע „מיינערס פעדערייש‏אן". היינט צו טאג איז דיזע יוניאן די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע געווערקשאפט, בעת פריהער זיינען די יוניאנס פון די מאשין־בויערס און שיפ־בויערס געווען די צוויי גרעסטע טרייד יוניאנס פון לאנד. נאך איידער די פעדערייש‏אן האט זיך, אין יאהר 1910, אנגעשלאסען צו דער פארלאמענטארישער ארבייטער פארטיי, האט זי שוין געהאט איהרע אייגענע 14 פארשטעהער אין דער „האוז אוו קאמאנס", דאס מיינט אין דעם ענגלישען פארלאמענט.

אזא מעכטיגע פארשטארקונג פון דער ארבייטערשאפט אין דעם טרייד איז אבער מעגליך געווארען א דאנק אלגעמיין - עקאנאמישע אומשטענדען. זי איז געקומען אלס א רעזולטאט פון דעם בליהענדען צושטאנד, אין וועלכען די ענגלישע קוילען אינדוסטריע האט זיך געפונען אין משך פון גאנצע 100 יאהר. ביז דעם אויסברוך פון וועלט־קריג איז ענגלאנד געווען דער גרעסטער קוילען עקספארטער אין דער וועלט. פון די 278 מיליאן טאן שטיין־קוילען, וואס זיינען פראדוצירט געווארען אין 1913, איז ניט ווייניגער ווי 35 פראצענט, ארום 100 מיליאן טאנס, פארברויכט געווארען אין אויסלאנד. איין צעהנטעל פון דעם ווערט פון גאנצען ענגלישען עקספארט איז אויסגעפאלען אויף די קוילען. פיער פינפטעל פון דעם שיפס־רוים פון דעם גאנצען ענגלישען עקספארט איז פארנומען געווארען דורך דיזען ארטיקעל. נאר צוליב אזא ריזיגען קוילען עקספארט האט זיך ענגלאנד געקענט איינשאפען די גרעסטע האנדעלס־פלאטע אין דער וועלט און רעגירען איבער אלע ימים און דורך דעם אויך זיין די הערשערין אין וועלט־האנדעל.

דאס, וואס איז 160 יאהר נאכאנאנד געווען ענגלאנד'ס שטארקסטע שטיצע אין דעם האנדעלס קאמף אויף דעם וועלט־מארקעט, איז אבער איצטער, נאך דעם קריג, געווארען דוקא דער שוואכסטער ארט אין איהר עקאנאמישען געבוי. די קוילען אינדוסטריע, מיט איהרע אנדערהאלבען מיליאן ארבייטער, איז איצטער דער קראנקסטער אבר אין דעם אפגעשוואכטען עקאנאמישען ארגאניזם פון ענגלאנד. דער קריג האט איינגאנצען אומגעביטען די לאגע אין טרייד. די קוילען פרייזען זיינען אפילו אין דער מלחמה שטארק געשטיגען, אבער די רעגירונג האט שטרענג רעגולירט דעם עקספארט אין די אינטערעסען פון געוועהר פראדוקציע. די אלטע האנדעלס־באציהונגען זיינען דערביי אויף שטענדיג פארשוואונדען. א סך פון די פריהערדיגע קאסטימערס האבען אין דער צייט פון קריג אליין אנטוויקעלט ביי זיך גרויסע ברען־שטאף אינדוסטריען. נייע טעכנישע איינפירונגען, באזונדערס די באנוצונג פון אויל צו טרייבען די גרויסע שיפען און די פארווענדונג פון וואסער־קראפט אין די עלעקטרישע פלענטס, האט געפיהרט צו א שטארקער פארמינדערונג פון באדארף אין ענגלישע קוילען. אין יאהר 1920 האט דער ענגלישער קוילען עקספארט אויסגעמאכט בלויז 44 מיליאן טאן, און אין 1925 ניט מעהר ווי 69 מיליאן, דאס מיינט ארום צוויי דריטעל פון דעם פארקריגס עקספארט. די פארגרעסערונג איז אבער געקומען אויף א גאנץ קינסטליכען וועג — דורך א סובסידיע (געלט אונטערשטיצונג), וועלכע די רעגירונג האט אנגעהויבען אויסצאהלען די מיין־אונטערנעהמער אין אויגוסט 1925. די אונטערשטיצונג האט אויסגעמאכט גאנצע 15—20 פראצענט פון קוילען קאסט־פרייז, און פאר איהרע צווייפעל־האפטע נוצען איז באצאהלט געווארען דער שעהנער פרייז פון 100 מיליאן דאלאר.

די סובסידיע האט זיך, נעמליך, ארויסגעשטעלט גאנץ אומווירקזאם אין די באדינגונגען פון דער פארשארפטער אינטערנאציאנאלער קאנקורענץ. די צוויי שטארקסטע קאנקורענטען — דייטשלאנד און אמעריקא — געפינען זיך אין אלגעמיין אין פיעל בעסערע באדינגונגען, און זייערע קוילען האבען גאנץ לייכט געקענט קאנקורירען מיט די ענגלישע. מען דארף ניט פארגעסען, אז ענגלאנד האט די ערשטע אנגעהויבען צו גראבען קוילען נאך מיט א לאנגער צייט צוריק. די בעסטע פון איהרע מיינס זיינען שוין פון לאנג אויסגעליידיגט. די קאנקורענטען, באזונדערס אמעריקא, האבען נאך גענוג ניט אויסגעשעפטע מיינס און פראדוצירען דעריבער מיט קלענערע קאסטען. די ארבייטער פון דיזע לענדער האבען אבער שטארק געליטען צור־

(שלוס אויף זייט 10)

זייט איהר א ניו יארקער?

(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען.

ניו יארק איז געווארען לעצטען דינסטאג דריי הונדערט יאהר אלט.

אלזא, הייסט עס, ניו יארק איז א יובילאר אדער א יובילארשע, און לאמיר זיך פרעהען מיט איהם, אדער מיט איהר (ווי איינער וויל).

ווילט איהר זיך פרעהען? זייט איהר שטאלץ וואס איהר זייט א ניו־יארקער?

ניו יארק, איין קליינינקייט?

ווער וויל עס ניט זיין קיין ניו יארקער?

צו זיין א ניו יארקער מיינט האבען פריווילעגיעס אין לעבען.

ערשטענס, בראדוויי און 5טע עוועניו. איהר קענט געהן אויף בראדוויי און 5טע עוועניו און זיך קוויקען מיט פרעמדען האב און גוטס.

קיינער שטערט אייך ניט.

קיינער רעכענט אייך ניט דערפאר.

איהר קענט קוקען אין די פענסטער פון די רייכע קראמען און שטאלצירען מיט אייער רייכקייט! איהר קענט קוקען מיט אלע אייערע אויגען און ברילען.

אמת, איהר אליין קענט פון דער דאזיגער רייכקייט ניט געניסען? נו איז וואס? אבער קוקען קענט איהר דאך.

און דאס אויג פון א ניו יארקער קען זאט ווערען פון קוקען אליין...

און נאכדעם נעהמט די אויטאמאבילס. אויך מיט דעם מעג א ניו יארקער קבצן שטאלצירען. א ווערטעל אויסצורעדען — וועלכע שטאדט אין דער וועלט האט נאך אזוי פיל מאשינען ווי אונזער ניו יארק?

קוקט און שמעלצט זיך פון נחת!

און אין די מאשינען פאהרען א י י ע ר ע, אייגענע בלוי־בלוטיגע ניו יארקער....

אמת, איהר אליין האט פון דעם פאהרען נארנישט. אייך איז צוליב די מאשינען גאר שווער אריבערגעהן א גאס.

איהר זייט אין סכנה צוקוועטשט צו ווערען און צוקאליעטשעט צו ווערען אויך.

אבער אויך דאס איז א קליינינקייט...

דער עיקר איז דאך, אז אייער ניו יארק האט מיליאנען מאשינען און אייערע ניו יארקער פאהרען.

איהר וועט זיך ארויפארבייטען וועט איהר אויך פאהרען... אויב ניט אויף בראדוויי אין טעאטער, איז אין ברוקלין, אויף א לויה...

ניטא וואס צו מורמלען...

היינט וואו זיינען די ניו יארקער הימעל־קראצער?

אויך מיט דעם מעג א ניו יארקער א שטאלציר טאן!

די גרעסטע אין דער וועלט, די העכסטע. אזוי פיעל, און אזוי פיל עטאזשען און נארענס... אין די סאמע וואלקענס! העם, העם!

אמת, זיי פארשטעלען פון אייך הימעל און זון און לבנה? אמת... אבער ווער דארף אין ניו יארק זון, הימעל און לבנה! איבעריגע זאכען פאר א ניו יארקער... וואס, איהר זייט דען א פארמער?

דער עיקר איז פאר א ניו יארקער צו פיהלען זיך הויך, העכער פון אלעמען.

און אויב מען איז אליין ניט הויך, קען מען יוצא זיין מיט די הויכקייט פון די הייזער.

עס איז גוט צו זיין א ניו יארקער.

א ניו יארקער דארף אפילו ניט אומטראגען זיך מיט אן אייגענעם זייגער אין קעשענע... צו וואס זאל מען איהם ביי אייך אוועקנעמען ביי א האלד־אפ?

פאר א ניו יארקער זיינען אנגעגרייט זייגערס אומעדום, אויף די העכסטע געביידעס... פארדרייט דעם קאפ און קוק!.. קוק און וויים די צייט...

און דער עיקר פ ר י י. קענסט קוקען אהן א סענט געלט.

ניו יארק איז, חוץ די פרייסטע שטאדט אויך די באקוועמליכסטע.

אט נעמט די סאבוועיס:

וואו נאך קריגט א מענש אזוי פיל באקוועמליכקייטען ווי אין די ניו יארקער אונטער־ערד־באהנען?

איהר ווילט זיך אנהאלטען אן א רימען? האלט זיך נעזונטערהייט! איהר ווילט זיך וויגען? וויגט זיך!

איהר ווילט שלאפען שטעהענדיג? שלאפט אייך, נשמה מיינע!

איהר ווילט דוקא שטעהן אויף א פרעמדען הינער־אויג? — קענט איהר עס אויך דערוויזען!

איהר קענט אייך אויסקלייבען דעם שענסטען, בעסטען, גרעסטען הינער־אויג און זיך גאנץ באקוועם אוועקשטעלען אויף איהם...

א ניו יארקער, ווען איהר טרעט איהם אן אויף דעם בעסטען הינער־אויג, פראטעסטירט ער ניט.

ביי איהם איז דאס בלויז א גמילות־חסד: היינט איהר אויף זיינעם. מארגען ער אויף אייערען!

היינט וואו איז די באקוועמליכקייט פון געטראגען ווערען?

א ניו יארקער דארף קיינמאל זיך ניט אנשטרענגען און געהן אליין מיט די אייגענע פיס.

ביזטו א ניו יארקער, וועסטו שוין ווערען געטראגען ווי א כינעזישער מאנדארין!

געהסטו אין די מואוויס — טראגט מען דיך אהין אריין.

אין סאבוויי — ווערסטו געטראגען ממש אויף די הענט...

אמת, אמאל כאפסטו א שטורך, א רייב, א קנאק, א בריק, א טשמעלי, א בוכטש אין זייט, אדער ערגיץ אנדערש, אבער דאס איז גארנישט לגבי די גרויסע באקוועמליכקייט פון געטראגען צו ווערען....

עס איז א כבוד, מיינע הערען, אן עהרע.

אין אנאנדער שטאדט מוזטו זיך קריגען א נאמען, זיך פארדינען, ווי מען זאגט, ביים פאלק, כדי געטראגען צו ווערען אויף די הענט.

אין ניו יארק דארף מען עס ניט...

ניו יארק איז די דעמאקראטישסטע שטאדט אין דער וועלט.

אלע ווערען דא געטראגען — היינט דו, מארגען איך!...

מען בוים זיך!

הכלל, דער יום טוב פון דער גרויסער דריי הונדערט יאהריגער יובילעאום־פייערונג פון ניו יארק מוז זיין א גרויסע שמחה פאר יעדען ניו יארקער.

מען מוז שטאלצירען מיט אזא שטאדט.

שטאלצירט איהר? זייט איהר א ניו יארקער?

פונ'ם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד

די צאהלונגען פון ארבייטסלאזען בענעפיט אין קלאוק טרייד, פאר'ן ספרינג סיזאן, וועלען אין גיכען זיך אנהויבען. און איצטער איז עס נויטיג פאר די קלאוקמאכער צו וויסען, דאס קיין ארבייטער קאן נישט באקומען אויסגעצאהלט די אינשורענס בענעפיט, צו וועלכען ער ארער זי איז בארעכטיגט, סיידען דער אפיס פון דעם אינשורענס פאנד האט א רעקארד פון דעם ארבייטער. דער אפיס דארף האבען דעם נאמען פון דעם ארבייטער און זיין לאקאל און לעדושער נומער.

און דער אינשורענס אפיס האט א געוויסע צאהל נעמען פון ארבייטער, אבער דער אפיס האט ניט זייער לאקאל און זייער לעדושער נומערס. מיר דרוקען דא דעריבער א ליסט מיט נעמען פון די דאזיגע ארבייטער, און אויך די נעמען פון די פירמען, וואו זיי זיינען געווען אדער זיינען נאך אויך איצט באשעפטיגט, און דיזע ארבייטער זיינען אויפגעפאדערט צו לאזען וויסען דעם אינשורענס אפיס זייער לאקאל און לעדושער נומער. זיי קאנען עס טאן פערזענליך, אדער דורך דער פאסט. די אינפארמאציע זאל געשיקט ווערען אין אפיס פון אינשורענס פאנד, 122 וועסט 18טע סטריט, ניו יארק.

אט זיינען די נעמען פון די ארבייטער, וועלכע דארפען זיך באלד אפרופען:

טשארני און ליבערמאן — בערטא מוראף, סעם גאלדמאן, הערי רובין, סאפיע ספערלינג, ס. סונפסאן און דזשיי. קאפלאן.

טשארני און פערסקי — פעדער, ה. האוזער, געטלער, לארין פען, זעין, לעווין, הירשטיין, וואלף, דיוויס, זעלצעט, וואלער, קופערסמיט, וויים, עלקין, מאדעאף, א. סאסלאווסקי, פארט, גאלליאנט און זעלדין.

דזשיי. כאוועס — הערי וואגעל.

ע. קאהען — נ. שטערן, מ. מהארנאק, ב. ראגער און דזשיי. וויניק.

י. קאהען און ראן — בארנעט סליפט.

קאהען און אייזענבערג — א. פאגראף און א. ראזענטאל.

קאהען און ליפשיטץ — ראבינאוויטץ, דזשיי ראזען, ר. האפמאן, וויינשטיין און מיללער.

קאלאניאל קלאוק — לואיס, לענא נומ. 2, רעגינא, מיני, מערי נומ. 2, נאנסי, ליע, ראוז, ביטריס, יעטא און סוזי.

קופער און פישער — ס. אזלאנסקי, ר. סימאן, א. גראסמאן, א. קעדאנסקי, א. בראונצווייג, ד. מראפעל, מ. קופערבלום, ה. וואלדמאן, פ. קעמפ, הערי קאהען נומ. 1, הערי קאהען נומ. 2 און א. מעירוב.

קראמער און ראטה — מיני אלדערסמאן, מ. רובין און ס. שאפירא.

דניאל סקעלניק — בראטמאן, פאללעי און ראזענבלאט.

דורם און קאמפאני — ד. ראזענשטיין, ה. עלעמאוויטץ, ס. ליפקין, הערי באררבראף, מ. צאלער, ס. אדלער, א. רעפעק, דזשיי. ביטץ, דזשיי. סאלוועסטין, ס. לעווין, ס. בריקמאן, מ. סוועדלאן, מ. קאופמאן, נ. פרידענרייך, א. קלעמפנער.

ראנענבערג און ס.—איידא מיללער און ווישקינד.

דענענשטיין און שייפער — דזשיי. לעווין.

דענענשטיין און סאן — ב. ברעסלאו, דזשיי. ווייד‏ערמאן, ע. סילווערמאן, פ. באשענטוך און נעיסמאן.

דזשיי. דויטשמאן — ג. קאבעטץ, פאסקין, אלטעס, בעלא ריטשמאן, ראזענפעלד, א. דזשייקאב, ס. פאטאש, קארנער און ס. ראזענבאום.

א. דיקמאן — מ. סוכאן, א. גארקאוויטץ און משאס. פיינשטיין.

דידינסקי און לעווין — מערי גלאזער, שעיקאוויטץ, דידינסקי און א. ליטווין.

דלונאטש און ראזען—קאסאצקי, קליין, וויים און נ. שיפער.

דאראס בראס. — ת. שטיין, גאלאנד, סוסמאן, ה. בעיקער, עפשטיין, ה. היטמאן, מ. קאפלאן, ס. פרידמאן, ר. בארנאצקי, וו. ראזענבערג, ע. בלומענטאל און ג. הערימאן.

ה. דרוזין און קאמפאני — דזשיי. ראזען און ל. קאפלאוויטץ.

דווארקין און גאבריעלאן — אייזקאפט, קאפמאן, בילפער, יוסטער, ראזעי און בעקי.

סי. און וו. קלאוק — ת. ליפמאן, ב. סיגיטש, ס. רובין, מ. קערשענבלום און ר. ראבבין.

איסטערן קלאוק קאמפאני — דארא קאהען, רעי ספראט, מ. האלפערן, מ. בריען און א. וויינער.

קראמוועל קלאוק קאמפאני — סעם גרעסס, ת. בערנשטיין, סעם פאלאצקי, געימשעל, מ. דזשאהאנדא, סעם ליפקין, טעסיע לקעקנער, אתרן באיארסקי, קארעגליין פאגאטין, מיריעס, דייוו סקארר און גאגנער.

קראמוועל קלאוק קאמפאני — בעלא שאבאנסקי, וו. קאהן, קאופמאן, ש. גרין, דייוו בערנשטיין, סעם לארבער, בענושטיין פיקאווסקי, דייוו מערארף, ראוע מערטין, גאוועלסקא, הוימאן, ראז פיסטער, לעפער, מ. גאלדבערג, באסין, א. האפמאן, ווייסקער, קאמפעללער, ברענרעס, לואיס קאהען.

אלבערט קארפ — ש. וואלדמאן, א. שלעזינגער, ב. קאטצמאן, ע. עהרענבריך, א. וויזל, ש. שאפירא, מ. שעראצקי, נ. וואלאך, ת. בוימגארטען. בען מילער, עפשטיין, ע. וויינסאף, ל. עדען, ת. בוימאן.

בערוי און האמערשאג — א. קאהען, פ. האמערשאג, ק. פעלדמאן, מ. עפשטיין, ת. גאלדשטיין, אננא פערלמוטער, ת. קאטץ, י. פיינגאלד, פ. פינקעלשטיין.

ב. גערשפידעל — וויים, אומבערמאן, דזש. וויינשטיין.

דראכמאן און גרין — דזש. שניידער.

כאראש און פיין — לילי קאלער, מ. פען.

גאלדבערג און אראן — פייגענבוים, לונטץ, גאסס, סוויגעל.

גאלדבערג און אראן — שיטליגער, צוקער.

גלאסבערג דזש. און ס. אלבערט האלפערין.

ב. ל. דייווידסאן — לואיס שניידער.

דאניעלס קלאוק קא. — אננא, אנטאן קאוואטים, בערמאן.

קאהען און קאטלער — שקאלניק.

קאהען בראס. 142 וו. 6טע סט. — גרינוואלד, ב. סיגעל, ל. דייוויסאן, ה. לעווי, עפשטיין.

קוברין און מאצלין — ה. שאס, א. ליפערמאן, וואסערמאן, ס. זארעטסקי, הערי גאלער, י. לעווי, לעוועקאף.

קעסלער און הערשטיין — מ. גערדער, דזש. לעווים, ל. מארקוס, ל. קיסנער, ה. באגארטץ, ס. ביואיק, י. קאטץ, י. ניומאן.

ב. און פ. קלאוק קא. — סיידי אווים, וועסטענצווייג.

גאלדבערג און מאן — לואיס מאלטש, הערמאן, מערכאנדסקי.

איזאק עפשטיין — לואיס קאך, מ. דיסקין, דזש. סקלאר, ל. סקאלוויטץ, ה. שאלינסקי, מ. אלטערמאן, דזש. גאלדמאן.

בוכמאן און מאסס — דייוו ראבינאוויטץ.

בערלאנד און פאקס — פאול שייפער, מיניע קאהען, דייוויד גאלדשטיין, דזשיק בערלאנד.

בורקא קלאוק קא. — דזשא. מירסקי, לואי פראסקין, מ. ראבקין.

עמפייער קאוט קא. — אב. גאלדרייך, מ. בערנשטיין, א. ליפאפאי, ב. קאפערשטיין.

מ. ברוכנער — י. קורלאנד

טשיים קלאוק קא. — דזש. וויינער. ווס. קאפלאן — ה. פראנק, בען קאפלאוויק.

א. ברייף — מאקס באשנער, ה. באשנער, י. גאלדשטיין, סעם אסאנסקי, הערי גאלדשטיין, היימאן ראזען, רובין ראזען רובין שניידער.

קאפלאן, קאהען און סאלאמאן — נ. שטערען ,נ. קאהען, מראפאנסקי, שוירלעי.

קרינסקי און לעסאף — קאפעל, גאלדשטיין, שווארץ, דזש. סמיטה, באסס, ראצעלסאן, א. פראנק, אונגער, אלעקסאנדער, נ. סילווערמאן.

מ. דזשאפע און סאן — שערמאן.

פיימאוס ספארט — לארין גאלדשטיין.

ה. פישער — הערי גערשאוויטץ, סעם רינגעל, ע. בערמאן, ווס. אקער, מאקס ענטין, דזשאק פיינער.

פראסט קלאוק קא.—גענעגימש, סמארק.

קאנטער און זעלדמאן — דזש. אנטעלמאן.

בילטוועל קלאוק קא. — גלויבער, קאמינסקי, ווייכמאן, בעני גראניק.

בילטוועל קלאוק קא. — שאבאווינסקי, פראנק שאבאווינסקי.

גודמאן בראס. — סעם פרידמאן.

הייט קלאוק קא. — מרס. סאלאק, היימאן אורנאוו, פ. גאדריטש.

אסיני בראס. — ס. אטריגמאן.

קעסלער און הערשטיין — א. ווהיים, י. סטאנער.

א. קעסס — שולמין.

הודסאן קלאוק און סוט קא. — א. תאראוויטץ, מאריס שאפירא, מ. בוטינסקי.

ל. פינגער — ש. רובענשטאקע, ב. בערלינער, מ. קוואטערס, מ. ליסטער, י. ראזען.

לעווין און פעלדמאן — בארנאצקי, הארטמאן, ב. באיארסקי, מ. קאהען, מ. גלען, א. קלאר.

גאלדשטיין און דובערשטיין — דייוויד, שארע, אייזנער, פעלמן, ב. פאסטערלאף, שניידער.

פערער און שער — לואיס זעלטצער.

פ. ר. ז. גארמענט קא. — מאלליע קרעמער, פאניע, גוראטאר, ש. שטוק.

הירש, בערענשטיין און סטיין — שוינער, טאטאנישוק, גייששטיין, וואליך, רובינשטיין, באגוואווסקי, נ. גאלד, וואקסמאן, ה. גאלד, קאהען, גובערמאן, אדלער, כארדינסקי, ליבאוו.

קאפאסט און סאקס — אאסיי, הערים, דזש. ברוינשטיין, דזש. בראבין.

קראוים און פאמעראנץ — דייוויד האן, וו. הייטנער, שארא נאלסקי, ס. קאוואנאוויטץ.

טש. ש. קרינסקי — אלעקסאנדער.

דזש. ה. לעווין — תאראוויץ.

לעווין און לעווין — דזש. נאגלען, א. זאסלאוו, טחעא. שטעיקיענוויץ, אראן, לעווין, גיימתען בערנשטיין, וואסיע פאלאקעוויטש, יעטא, מארקוס, מ. גאלינסקי, דזשיק גאלדינסקי, הערי לעווימאן, בעסי קינג, דזשוי קאבלעווין אננא מאקרענסינג, רובין, פאגאלפסקי, דייוו דיטש, מאקס קאהען.

ליכטמאן און סאנס — ס. וואגנער, מ. קאפים.

ליניק און דאניעלס — דאניעלס.

ליפשאנסקי בראס. — ראבינאוויטץ, העלער, פיריפ שאנעס, בלום.

לארין קלאוק האוז — אלגא דעוואה, אננא דובנאף.

(נאך נעמען די קומענדע וואך)

פרעסערס פון קלאוקס

מיר בעטען אייך איהר זאלט אויסשניידען דיזען אדווערטייזמענט און באהאלטען ביי אייך אין פאקעט, ווייל איהר וועט אונז דארפען האבען

מיר האבען געמופט

פון 123 פינפטע עוועניו, צו

321 פינפטע עוו.

ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאר.

מיר האבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאניטארי ווייער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאש און בעלוויוע. מיר האבען אויך די בעסטע סטימערס אין מארקעט, טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע. אויך פינקינג מאשינס.

מיר לאדען איין אלע פרעסערס, דעזיינערס און באסעס צו קומען זעהן די נייע מאדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אלע זיינען ווילקאמען!

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני

321 פינפטע עוו., ניו יארק

טעלעפאן: אשלאנד 6650 און 6651.

קאונטרי ארדערס שנעל אטענדעט.

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth 5638-5634

גליקשטיינ'ס דעזיינינג סקול

265 גרענד סטריט, ניו יארק





בעט. קריסטי און פארסייט סטס.
טעל. ארטשארד 8842

סקול פאר דעזיינינג, קאטינג און גריידינג אין אלע פאכען פון ליידים, מענס, טשילדרענס און פאר גארמענטס. פעטערנס ווערען געשניטען צו מעסיגע פרייזען.

די סקול איז אפען א גאנץ יאהר.

די אידישע אגריקולטור (בארא֞ן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויסקינפטע וועגען פארמערי און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

נים קיינע דעפאזיטס איידער איהר בארעט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St. New York City

ווערט „אינדעפענדענט"

לערענט דעזייגינג און גריידינג פון מענס גארמענטס,
ליידיס טיילאר־מייד, דרעס־דעזייגינג,
פרענטש דרייפינג און פעטערן־מייקינג.
טויזענטער פון די וואס האבען זיך ביי אונז אויסגעלערענט פארדינען פון 3 טויזענט דאלאר ביז 10 טויזענט דאלאר א יאהר.

גרונבארג דעזייניגג סירוויס

122 פינפטע עוועניו. 52טער סעזאן ניו יארק סיטי

טעלעפאן, וואטקינס 5466.

לערענט דעזייניגג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזייניגג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזייגינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט עררייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזייגינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע ווייזשעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באזונדערע לעסאנס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.

די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.

מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאניע אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.

קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזייניגג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

הארלעם באנק און קאמערס

2118 צווייטע עוועניו קאר. 109טע סטריט ניו יארק

פ. מ. פעראדי, פרעזידענט
פ. עקס מאנקוסא, טשערמן און די באארד
ת. וו. הובארד, וויס־פרעזידענט
פ. פעראדי, וויס־פרעזידענט
ת. לאזארוס, וויס־פרעזידענט
אנטאני דע פאאלא, קעשיער.

מיר טוען אלע באנק טראנסעקשאנס אויסגעצייכענטע סייפטי דעפאזיט וואולטס

פיארילא ה. לא גווארדיא, לאיער פון באנק.

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

יוניאן טעטיגקייטען אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

פון ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

ברודער מארקס, מענעדזשער פון ארגאניזיישאן דעפארטמענט, באריכטעט פאר זיין אפיס פון דעם 6טען ביז דעם 19טען אפריל.

ווען ברודער מארקס איז אריינגעקומען אין אפיס, זיינען 16 סטרייקס אנגעפיהרט געווארען — 5 געגען יוניאן דרעס־שעפער און 11 געגען ניט־יוניאן דרעס־שעפער — מיט 111 ארבייטער.

פון די 5 יוניאן־שעפער אין סטרייק זיינען 2 געווארען דזשאבערס און 1 סטרייק איז אויפגעגעבען געווארען.

פון די 11 ניט־יוניאן שעפער אין סטרייק האט איינער געסעטעלט, 5 זיינען אפגעלייגט געווארען פאר א מעהר גינסטיגער צייט און 5 זיינען פארבליבען אין סטרייק.

אין דער צייט זיינען 58 סטרייקס ערקלערט געווארען געגען ניט־יוניאן דרעס־שעפער — מיט 614 ארבייטער.

פון די 10 יוניאן־שעעפער האט איינער געסעטעלט, איינער איז אפגעלאזען געווארען און אכט זיינען פארבליבען אין סטרייק, ווי פאלגט:

מ. ראזענפעלד, סטיילא דרעס, טי און טי דרעס, לואיס לענץ, וואי און קיי דרעס, פירלעס דרעס, מאגנעטיק דרעס און פאראמאונט דרעס.

פון די 58 ניט־יוניאן שעפער אין סטרייק זיינען 18 געסעטעלט געווארען — 8 אנשליסענדיג זיך אן דער אסאסיאיישאן אוו דרעס מאנופעקטשורערס און 10 האבען געסיינט אינדעפענדענט אגרימענטס. פון דער איבעריגער צאל זיינען 15 סטרייקס נעדראפט געווארען.

בנוגע דער קלאוק־אפטיילונג פון דעם דעפארטמענט, באריכטעט בר. מארקס, אז ווען ער איז אריינגעקומען אין דעם אפיס, זיינען 2 סטרייקס אנגעפיהרט געווארען געגען יוניאן שעפער און 8 געגען ניט־יוניאן שעפער. די סטרייקס האבען אריינגענומען 157 ארבייטער.

פון די 2 יוניאן־שעפער אין סטרייק האט איינער געסעטעלט — „שאפירא און סאן" — און דער אנדערער סטרייק — געגען דער פירמע „ראזענבערג און דייווים" — דויערט נאך.

פון די 8 ניט־יוניאן שעפער זיינען די ארבייטער פון 6 פירמעס באפרייט געווארען. די סטרייקס געגען די פירמעס וועלען אנגעפיהרט ווערען אין א מעהר גינסטיגערער צייט. דער סטרייק געגען דער „סטייל הערגיער", 236 פינפטע עווענוי, ווערט נאך אנגעפיהרט.

אין דער צייט זיינען 32 סטרייקס ערקלערט געווארען געגען קלאוק־פירמעס — אריינגעהמענדיג 307 ארבייטער.

געגען די פאלגענדע יוניאן־שעפער זיינען ערקלערט געווארען סטרייקס פון די פארשידענע אפיסעס און איבערגעגעבען געווארען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט:

וואליו קלאוק קא.
ראבינאוויץ און אנטאמיסילי.
דזשארדזש בערנארד.
פרידלענדער און לעווינסאן.
שולמאן בראס.
ל. פאטאטסקי.
שליטען און גאלדמאן.
פאלער און באומאן.

פון די דאזיגע זיינען די „וואליו קלאוק קא.", 224 וועסט 35טע סטריט, און ראבינאוויץ און „אנטאמיסילי", 56 איסט 23טע סטריט, געסעטעלט געווארען.

פון די 24 ניט־יוניאן שעפער, וועלכע זיינען ערקלערט געווארען אין סטרייק, זיינען 5 יוניאניזירט געווארען, אריינגעהמענדיג 56 ארבייטער. פון די איבעריגע זיינען די ארבייטער פון 15 פירמעס צייטווייליג באפרייט געווארען ביז א גינסטיגערער צייט אנצופיהרען די סטרייקס.

די פאלגענדע סטרייקס ווערען אנגעפיהרט פון סאלוואטאר אמיקא:

רענטער, גאלדשטיין, קראנץ, סעלמער, ערינאר דרעס, ראטה דרעס און הארוויץ און דובערמאן.

ברודער מארקס באריכטעט, דאס טראץ דעם, וואס די פירמע „הארוויץ און דובערמאן" האט זיך ארומגערינגעלט מיט פראטעקשאן, איז דער אפיס געווען ערפאלגרייך אין אפשטעלען די ארבייטער, און עס האלט ביי א סעטעלמענט מיט דער פירמע.

דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט ארגאניזירט איצט „בלאק און בילדינג קאמיטעס". יעדע סטריט האט א בלאק קאמיטע, באשטעהענד פון א בלאק־טשערמאן, א סעקרעטאר און בילדינג־טשערלייטע.

ברודער מארקס ענדיגט זיין באריכט מיט דעם פאלגענדען:

1) צוליב דעם סלעק און דער הרעס און קלאוק אינדוסטריע, ווערען די אפען־שעפער נים אזוי שנעל ארגאניזירט. דער אפיס גיט זיך איצט מעהר אפ מיט יוניאן־שעפער, וועלכע ביים ענדע פון סיזאן אדער זיי שליסען אויס זייערע ארבייטער, מופען אוועק, אדער פרובירען זיך צו באהאלטען פון דער יוניאן. אין אלע פון די פעלע מוז דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט מאכען פארזוכען אויפצוהאלטען די סטרייקס, וועלכע ווערען געגען זיי ערקלערט.

2) דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט באגעגענט פילע שוועריגקייטען אין דער ארבייט, אזוי ווי געפינען טירען פארשלאסען אדער דעם שאפ פראטעקטעט.

פון אמעריקאן און אינדעפענדענט דעפארטמענטס.

ברודער מילער, מענעדזשער פון דעם אמעריקען און אינדעפענדענט דעפארטמענט, גיט אפ א באריכט פאר זיין אפיס פאר די לעצטע פינף וואכען, אין וועלכער צייט 209 קאמפליינטס זיינען אטענדעט געווארען.

די פאלגענדע פירמעס האבען ניט באצאלט זייערע ארבייטער זייערע וויידזשעס. אין יעדען פאל האט דער אפיס קאלעקטעט די דערמאנטע סומע דורך דעם דזשאבינג דעפארטמענט, און די ארבייטער זיינען באצאלט געווארען:

בארני קלאוק קא. — 3,266.45 דאל.
ס. סעמעלמאן — 525.61 דאל.
ספינעלמאן און גריל — 1,984.06 דאלאר.
פינקעל קלאוק קא. — 917.51 דאל.
שולץ און ליבאוויץ—1,470.25 דאל.
אלמא קלאוק קא.—583.45 דאל.
מענדעל קלאוק קא.—583.45 דאל.
מעיז און פארטאן—1,287.00 דאל.

די ארבייטער פון די פאלגענדע שעפער זיינען נים באצאלט געווארען ריכטיג פאר אווערטיים. אין יעדען פאל האט דער אפיס קאלעקטעט די געלט, ווי פאלגט:

סיינפעלד און גאלדמאן — 301.34 דאלאר.
וויינשטיין און סאן — 600 דאלאר.
עלקין און בעטערמאן — 112 דאל.

די פירמע „ראבינאוויץ און אנטאנאטשי" האט געמאכט א פארזוך צו שלאגען א ביזנעס־איידזשענט. די פירמע האט באצאלט 50 דאלאר פיין און נאך א סטאפעדזש פון עטליכע שטונדען זיינען די ארבייטער צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט.

ברודער מילער באריכטעט אויך, אז זיין אפיס האט געשליכטעט 71 דיסטשארדזש קייסעס. 7 זיינען נעדראפט געווארען צוליב דעם, וואס די ארבייטער האבען אליין פארלאזען זייערע פלעצער, אדער די ארבייטער זיינען געווען באשעפטיגט בלויז אין דעם טריייעל־פעריאד, אדער די ארבייטער זיינען נים ערשינען ביי דער אונטערזוכונג. אין איין פאל האט דער ארבייטער גענומען 50 דאלאר און קאט פארלאזען דעם פלאץ.

דער אפיס האט קאלעקטעט 19,050 דאלאר מיט 91 סענט אין בעק־פעי, וויידזשעס און פיין.

פון דעם דאון טאון אפיס.

ברודער פערלמוטער, מענעדזשער פון דעם דאון־טאון אפיס, באריכטעט פאר זיין אפיס פון דעם 1טען יאנואר ביז דעם 1טען אפריל, 1926. אין דער צייט זיינען 715 קאמפליינטס אטענדעט געווארען.

50 דיסטשארדזש קייסעס זיינען געשליכטעט געווארען, 6 פון וועלכע זיינען נעדראפט געווארען — 4 ארבייטער האבען אליין פארלאזען די פלעצער און 2 זיינען נים ערשינען.

די פירמע „סיגמאן בראס.", 62 דיווישאן סטריט, האט דיסטשארדזשט אן אפערייטאר אויף דער באהויפטונג, אז ער האט געארבייט ערגעץ אנדערש און האט בלויז געמאכט דזשאבס פאר זיי. דער קאמפליינט איז געווען ריכטיג, און דער ברודער איז נים ריאינסטייטעט געווארען.

פרעסער פראטער איז דיסטשארדזשד געווארען פון דער פירמע „וועקסלער און גוטענטאג", 59 איסט 9טע סטריט, אויף דער באהויפטונג, אז ער איז נים פעהיג פאר דער ארבייט. דער קאמפליינט איז געפונען געווארען ריכטיג, און דער פרעסער איז נים ריאינסטייטעט געווארען.

די „ווארט קלאוק קא.", 3 וועסט 14טע סטריט, האט דיסטשארדזשד א פרעסער. אן אונטערזוכונג האט באוויזען, אז דער ברודער האט אימער געהייסען די אנדערע פרעסערס „סאלדזשערען אויפ׳ן דזשאב". עס איז אויך באוויזען געווארען, אז ער האט פארברענט עטליכע לייגינגס. ער איז דאריבער נים ריאינסטייטעט געווארען.

ברודער פערלמוטער באריכטעט, אז אין 41 קייסעס זיינען די ארבייטער ריאינסטייטעט געווארען.

די פאלגענדע פירמעס האבען נים צוטיילט זייער ארבייט גלייך צווישען די ארבייטער:

א. שניידער, מייער מייער, גאלדשטיין בראס., ראזענבערג און בעקער, וו. ל. דזש. קלאוק., וועל מייד קלאוק קא., י. רייזעס, ראזענבערג און לעסקי, פינקעלשטיין און מאסקאוויץ, בארט קלאוק קא. און א. קעס.

אין יעדען פאל איז די קייס געשליכטעט געווארען צום גונסטען די ארבייטער.

די פירמע „פעקאלסקי און שאניץ", 27 איסט 10טע סטריט, האט נים באצאלט די ארבייטער זייערע וויידזשעס און האט ארויסגעגעבען נים קיין גוטע טשעקס אין דער סומע פון 352.14 דאל.

די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס, פאר וועלכע די פירמע האט געארבייט, זיינען גלייך אינסטרואירט געווארען צוריקצוהאלטען די געלט, וואס קומט דער פירמע. די סומע פון 2,730 דאלאר מיט 38 סענט איז קאלעקטעט געווארען, און די ארבייטער זיינען אויסגעצאלט געווארען.

די פירמע „ראקבראו קלאוק קא.", 65 איסט 9טע סטריט, האט נים באצאלט די ארבייטער זייערע וויידזשעס. דער אפיס האט קאלעקטעט די פולע סומע 1308.29 דאל. פון די דזשאבערס, סיגעל בראס. און בערנשטיין און די נאמהעס נוירל קאוט, פאר וועלכע דער קאנטראקטאר האט געארבייט. די ארבייטער זיינען אויסגעצאלט געווארען.

די פאלגענדע פירמעס האבען באצאלט זייערע ארבייטער אונטער׳ן סקייל:

ארנאוויץ און באראזין.
דען קלאוק קא.
פינקעלשטיין און מאסקאוויץ.
לייקינד און ווילער.
ליבאוויץ און הערמאן.
ווס. רובינשטיין.
ראג און לובאצקי.
ווערניק און לעווין.
וועם און קערסאן.
קאופמאן און עלינאוויץ.
ס. סטעכער.
סאנדלער און יוקאן.
קלינגער בראס.
נ. נאדעל.
דזש. אדלער.

אין יעדען פאל זיינען די ארבייטערס וויידזשעס געהעכערט געווארען צום סקייל.

ברודער פערלמוטער באריכטעט אויך, אז זיין אפיס האט קאלעקטעט 8,693.76 דאלאר אין וויידזשעס; 3,724.72 דאל. אין בעקפעי; 1,535.89 דאל. פאר די פאריער און 306.43 דאל. פאר די וועבער סטרייקער; אויך 789 דאל. פאר דער גאווערנאר׳ס קאמישאן.

קלוגע ווירטהינס
האלטען אימער אין הויז א באקס
עקס-לאקס
דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע
און פארשפארט זיי דאקטאר הילעס.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

דער אינדוסטריעלער קריזיס אין ענגלאנד

(שלוס פון זייט 8)

ליב דער ענגלישער סובסידיע, ווייל די באסעס האבען גענומען שניידען די וויידזשעס, כלומרשט אום זיך צו קענען שיצען געגען דעם ביליגערען ענגלישען ארטיקעל.

די לאגע פון די ענגלישע מיינס איז ביי אזעלכע אומשטענדען געווארען אומגעהייער קריטיש. אין אנהויב 1925 איז די צאהל ארבייטסלאזע מיינערס געווען 196 טויזענט; אין דזשולאי איז זי שוין דערגאנגען צו 315 טויזענט. דורך דער סובסידיע איז דער צושטאנד צייטווייליג אויף א האר פארבעסערט געווארען, אבער דאך זיינען צעהנדליגע טויזענדער מיינערס געווען אויף גרויסע צרות און נאך מעהר האבען געארבייט „שארט טיים". די אונטערנעמער האבען אין איין קול פארלאנגט גרויסע וויידזש קירצונגען און לענגערע שטונדען, אבוואהל די סטאנדארדס זיינען שוין געווען גענוג קלענליך, און ווייט אונטער דער סקייל פון די היינטיגע טייערע פרייזען אויף אלע ארטיקלען. ווידער איז נאך ארויסגעשוואומען א וויכטיגע יוניאן פראגע. די באסעס האבען געוואלט אויפסנייע איינפיהרען דעם פארצייטיגען פלאן פון דיסטריקט־רעגנליישאנס, בעת די „מיינערס פעדעריישאן" האט אויף אן אינטש נים געוואלט אפטרעטען פון איהר הויפט־פרינציפ — דעם צענטראליזירטען יוניאן קאנטראל.

ווי מען זעהט פון דעם דאזיגען בילד, איז איצטער דער צושטאנד פון טרייד אזא, דאס אפילו די באלדיגע נאציאנאליזירונג פון די מיינס, קען אויך גאנץ ווייניג העלפען. די ארבייטער פיהרער, וועלכע פאדערען פרינציפיעל די אפשאפונג פון פריוואט אייגענטום אויף די קוילען גרובען, ריידען אבער איצט נים ווענען דעם, ווייל עס זיינען דא נאך בילכערע פראגען — צו באשיצען דעם מיינער געגען דער געפאהר פון הונגער־טוים. די איצטיגע אונטערזוכונגס־קאמיטע האט צוגעשטעלט א לאנגען רעפארט מיט פארשלאגען פון טעכנישע רעארגאניזירונגען, וועלכע קענען פארביליגען די פראדוקציאנס־קאסטען. דער רעפארט ווייזט אבער אויסדריקליך אן, אז אויב די מיינערס זאלען נים קריגען קיין לעבענס־וויידזש, איז בכלל קיין האפנונג ניטא דאס די אינדוסטריע זאל ווען עס איז ווערען געזונט און נארמאל.

אין משך פון 25 יאהר האט זיך די גאנצע אינדוסטריעלע לאגע פון ענגלאנד געוואלדיג געביטען. אין דער צייט פון דעם בורען־קריג (1899-1901) האט ענגלאנד איינגעפיהרט אן עקספארט אפצאהל אויף קוילען פון א שילינג פער טאן. איצט דאגעגען האט זי 9 מאנאטען געצאהלט א באנוס פון 2—3 שילינג פער טאן, און דורך דעם נאר פארערגערט די לאגע, ווייל דורך דעם זיינען נאך שטארקער ארונטערגעדריקט געווארען די וויידזש־סטאנדארדס פון די ארבייטער אין אנדערע לענדער, און די קאנקורענץ האט זיך פארשארפט.

די גאנצע מאדערנע אינדוסטריעלע ארגאניזאציע פון ענגלאנד, באזונדערס איהר אייזען און שטאל פראדוקציע, זיינען אומצערייסבאר פארבונדען מיט דעם קוילען טרייד. ווען דער לעצטער איז קראנק, קען אויך דער גאנצער עקאנאמישער קערפער נים פונקציאנירען אין דער ארדנונג. צוליב דער אינטערנאציאנאלער עקאנאמישער לאגע איז אבער די קוילען אינדוסטריע פון ענגלאנד פארורטיילט צו א פארצויגענעם און אפילו נים אויסהיילבארען קריזיס.

לייענענדיג א לאטע אויף א לאטע, קען מען צייטווייליג נאך ווי עס איז אויפהאלטען די איצטיגע אינדוסטריעלע סיסטעם. דאס איז אבער נים דער ריכטיגער וועג צו א סאציאלען פארטשריט אין ענגלאנד. ער פאדערט גרויסע, קאנסטרוקטיווע רעפארמען, וועלכע באריהרען די טיפסטע גייסטיגע און עקאנאמישע יסודות פון דער מאדערנער געזעלשאפט.

דאס לעבען איז קורץ

איין מינוט פון אמת׳ן פארגעניגען איז מעהר ווערט ווי יאהרען פון מאטערניש. פאהרט צו דער ערעפענונג פון דער יוניטי הויז און לעבט א טאג! אויב איהר ווילט, קענט איהר דארט פארבלייבען לענגער. אין שטאדט איז היים און שטיקענד, קיין סך ארבייט אין די מעהרסטע טריידס איז איצט ניטא — באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט אנצושעפען פרישע כחות פאר אייער ווייטערדיגער ארבייט. פאהרט אין דער יוניטי הויז! געניסט פון דעם לעבען! ווייל דאס לעבען איז קורץ! איהר וועט שלך איינמאל פארבלייבען די זעלביגע קבצנים!

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 23. | New York, Friday, June 4, 1926 | פרייטאג, 4טער יוני, 1926 | PRICE 3 CENTS

באארד און דירעקטארס און דזשאינט באארד גיבען דאס לעצטע ווארט צו די מיטגלידער פון דער יוניאן

די מיטגלידערשאפט פון דער קלאוקמאכער יוניאן וועט באשטימען דורך א רעפערענדום וואס איבער די רעקאמענדאציעס פון גאווערנאר'ס קאמישאן זאלען אנגענומען ווערען אדער ניט. — דזשאינט באארד נעמט אן איינשטימיג דעם באריכט פון באארד און דירעקטארס, אז דער רעפארט פון דער קאמישאן איז ווייט ניט צופרידענשטעלענד פאר דער יוניאן און דאס מאנ־כע פון די רעקאמענדאציעס קאן די יוניאן ניט אננעמען. — קומענדע וואך א וויכטיגער שאפ־טשערמאן מיטינג. — גענעראל סטרייק קאמיטע צונויפגעשטעלט.

דינסטאג אוונט האט דער דזשאינט באארד פון דער ניו יארק קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן אפגעהאלטען א זעהר וויכ־טיגען מיטינג וועלכער האט געדויערט ביז 12 אזייגער ביי נאכט.

די הויפט פראגע אויפ'ן טאג־ארדנונג איז געווען דער רעפארט פון גאווערנאר'ס קאמישאן.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", האט דער באארד אוו דירעקטארס פון דער יוניאן זייט די לעצטע צוויי וואכען גאנץ גענוי באטראכט דעם לעצטען רעפארט פון גאווערנאר סמיטה'ס קאמישאן, אין דעם סכסוך צווי־שען דער יוניאן און אלע גרופען באלעבא־טים פון דער קלאוק אינדוסטריע, וואס ציהט זיך שוין איבער צוויי יאהר צייט. אויף די עטלאכע זיצונגען, וואס דער באארד אוו דירעקטארס האט אפגעהאל־טען ספעציעל וועגען דעם רעפארט, זיינען גרינדלאך דיסקוטירט געווארען אלע פונקטען. עס איז גענוי באטראכט געווא־רען וואס דער רעפארט גיט יע דער יוניאן, און וואס ער גיט ניט, ווי אויך דאס וואס ער האט אייננאנצען פארשוויגען, און דער באארד אוו דירעקטארס איז געקומען צום באשלוס, אז נעהמענדיג דאס אלץ אין אנ־באטראכט קאן ער ניט רעקאמענדירען, אז דער רעפארט מיט זיינע רעקאמענדא־ציעס זאל פון דער יוניאן אנגענומען ווע־רען.

זוען דער באארד אוו דירעקטארס האט אפגעגעבען זיין באריכט צום דזשאינט באארד, דינסטאג אוונט, איז, פארשטעהט זיך, אנגעוויזען געווארען אויף די פונקטען אין רעפארט וואס זיינען צום ווידער דער יוניאן, און פארוואס די יוניאן קאן עס ניט אננעהמען. דאך אבער, לויטעט דער באריכט, די מיטגלידערשאפט פון דער יו־ניאן איז דער העכסטער אינסטאנץ און דעריבער דארפען די מיטגלידער האבען דאס לעצטע ווארט אין דער פראגע. און עס ווערט איבערגעגעבען צו זיי צו בא־שטימען, דורך א רעפערענדום אפשטי־מונג, אויב דער רעפארט פון דער קאמי־שאן זאל אנגענומען אדער צוריקגעוויזען ווערען.

ווי שוין באמערקט איז אויף דער פאר־זאמלונג אנגעוויזען געווארען, ווארום די יוניאן קאן ניט אננעהמען דעם רעפארט.

עס איז אנגעוויזען געווארען, אז די „לימיטיישאן אוו קאנטראקטאר'ס" וואס דער רעפארט גיט דער יוניאן קאן ניט האבען קיין האפט, וויבאלד די קאמישאן האט אויך ניט באוויליגט קיין „טיים פעריאד גאראנטי אוו עמפלוימענט". דאס

(שלוס אויף זייט 12)

אונזער אינטערנעשאנאל שיקט א דעלעגאט צו דער קאנווענשאן פון דער וו. ט. י. ל.

די „וואומענס טרייד יוניאן ליגע" וועט אפהאלטען איהר נאציאנאלע קאנ־ווענשאן אין קענזאס סיטי, דעם 13טען יוני, און אונזער אינטערנעשאנאל וועט דארט זיין פארטראטען דורך שוועסטער א. באס, אן אקטיווע מיטגלידערין פון דער דרעסמאכער יוניאן אין שיקאגא, לאקאל 100. דאס וועט זיין די צעהנטע צוויי יעהרליכע קאנווענשאן אין דעם לעבען פון דער ארגאניזאציע.

די „וואומענס טרייד יוניאן ליגע" האט אין פארלויף פון איהר עקזיסטענץ אויף פארשיידענע אופנים געדינט דער ארבייטער באוועגונג, אנפיהרענדיג אן אגיטאציע פאר טרייד יוניאניזם צווישען די פרויען ארבייטער פון איבער'ן לאנד. די ארגאניזאציע האט אויך שטענדיג גע־האלפען אלע ארבייטער קאמפען, פאר א שעהנער און א בעסערען לעבען. און בא־זונדערס האט די ארגאניזאציע זיך שטענדיג ווארים אפגערופען ווען נאר אונזער יוניאן איז געווען אין א קאמף מיט די באלעבאטים פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע.

אויפ'ן טאג ארדנונג פון דער קאנ־ווענשאן איז דא די פראגע, ווי אזוי די ארגאניזאציע זאל ווייטער מיט מעהר ערפאלג זיך פארנעהמען צו העלפען ארגא־ניזירען די ניט ארגאניזירטע פרויען־אר־בייטער אין די פארשיידענע אינדוסטריען פון לאנד.

מיר באגריסען די „וואומענס טרייד יוניאן ליג" צו איר צעהנטער קאנווענשאן און ווינשען איהר ערפאלג אין איהר ווייטערדיגער טעטיגקייט.

פרעזידענט זיגמאן ברענגט א גוטען גרוס פון באסטאן

פרעזידענט מאריס זיגמאן האט צום סוף פון לעצטער וואך פארבראכט איי־ניגע טעג אין באסטאן און ער האט גע־בראכט פון דארט א גוטען גרוס. ער איז געפאהרען אהין אויפ'ן פארלאנג פון דעם באסטאן דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן, און פון וויס־פרעזידענט זשוליוס האכמאן, אינטערנעשאנאל ארגאנייזער אין באס־טאן און אומגעגענד.

די פאר טעג וואס פרעזידענט זיג־מאן איז דארט געווען, איז ער א מי־נוט לײדיג נישט געזעסען. א חוץ דעם וואס ער האט באטראכט די אלגעמיינע לאגע אין דער יוניאן, ווי עס זעהט אויס איצטער נאכ'ן ערפאלגרייכען סטרייק און סעטעלמענט אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע, אונטער דער ענער־גישער פיהרערשאפט פון וויס־פרעזי־דענט האכמאן, האט ער אויך באזוכט איינינע פארזאמלונגען. ער איז געווען אויף א מיטינג פון דזשאינט באארד, פון באארד אוו דירעקטארס, אויף א מעמבער־מיטינג פון דעם נייעם ריינ־קאוט מאכער לאקאל 24 און אויף אן אינסטאלליישאן מיטינג פון דער קאטערס יוניאן, לאקאל 73. נאך דעם אינסטא־לליישאן מיטינג איז ער אויסגעפאהרען מיט די קאטערס צו א „לאנטשאן", וואו דער עולם האט שעהן פארבראכט, אויף א גאנץ ברידערליכען אופן.

פרעזידענט זיגמאן'ס גרוס פון באס־טאן איז, אז אין אלגעמיין איז די לאגע אין דער יוניאן גאנץ צופרידענשטעלענד, כאטש מען דארף נאך אלץ דארט טאן ארגאניזאציאנס־ארבייט, ווייל עס זיינען נאך אלץ דא אין באסטאן עטלאכע הונ־דערט ארבייטער אין דער לײדיס גאר־מענט אינדוסטריע, וואס זיינען ניט אר־גאניזירט, וועלכע באלאנגען ניט צו דער יוניאן. אן אגיטאציע ווערט אנגעפיהרט אויך די ארבייטער צו ארגאניזירען; זיי אריינצוברענגען אין די רייהען פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. איצ־טער, פארשטעהט זיך, קען מען פיל אין דעם ניט טאן, ווייל ס'איז „סלעק". אבער ווי נאר עס וועט זיך אנהויבען די ארבייט אין די שעפער, וועט די אר־גאניזאציאנס ארבייט פארגעזעצט ווע־רען.

דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל אין באסטאן, איז גוט איינגע־שטעלט געווארען און דער „פראסאנים", דער סאניטארי יוניאן לייבעל ווערט גוט פארשפרייט. די אויסזיכטען זיינען, אז דאס זאל ארבייטען מיט ערפאלג.

וויס־פרעזידענט האכמאן, קאן ניט פיל לענגער בלייבען אין באסטאן. ניט

(שלוס אויף זייט 12)

קאורט פסק'ענט, אז דזשאבערס מוזען באצאלען די שכירות וואס קאנטראקטארס זעצען אן די ארבייטער

אן אורטייל וואס ריכטער דזשאדזש ל. דזשאנעק האט לעצטע וואך ארויסגע־געבען אין מעדיסאן סטריט געריכט, וועט א סך האבען צו זאגען אין יוניאן־סכסוכים, וואו עס האנדעלט זיך, ווער עס זאל צאהלען שכירות די ארבייטער, ווען די דזשאבערס און קאנטראקטארס ווילען זיך ארויסדרעהען פון צאלען די שכירות דורך דעם, וואס זיי שיקען די ארבייטער מאנען די שכירות איינע צו די אנדערע.

נעהאנדעלט האט זיך אין א קייס, וואו 3 ארבייטער, מיטגלידער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן, האבען פארקלאגט די דזשאבערס בראידי און פונט פאר ניט וועלען באצאהלען יעדען פון זיי 55 דא־לאר פאר א וואך שכירות און צו 40 דאלאר אווער־טאיים.

די 3 ארבייטער, פיימאר, פעלבי און טראכטענבערג, האבען דירעקט ביי בראי־די'ן און פונט'ן ניט געארבייט. זיי הא־בען געארבייט ביי דער „עס" און „די" קלאוק קאמפאניע, וועלכע איז געווען א

(שלוס אויף זייט 12).

אינהאלט פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 23.

זייט 2. די ארגאניזיישאן קאמיטע פון דזשאינט באארד — מ. רובין. יוניאן־טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד.
זייט 3. אן ערקלערונג וועגען דער אנגעלע־גענהייט פון דער קראמוועל קלאוק קא. —פיליפ הערמאן. אין דער טאקערס־יוניאן, לאקאל 41 — פאולין מארגענ־שטערן.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס־פרא־גען.
זייט 5. די טראסט — אברהם רייזען. דער באס שפילט א טריק — אב. קארלין.
זייט 6. עדיטאריעל.
זייט 7. דער ווארשעווער באקלייד־פאראיין —ש. ה. הימעלפארב. צייטענווייז (גע־דיכט) — ב. צ. בורשטאק. די פען און דאס טשעק־ביכעל (פעליעטאן) — ז. ווהילער.
זייט 8. מיר און די ענגלענדער — ה. לאנג. וואס אנדערע זאגען וועגען דער אינטער־נעשאנאל יוניטי־הויז.
זייט 9. חלוצים (א בריף פון ארץ־ישראל) —על עם. די ביהנען [illegible] די בלימע־לאך — שלמה בן אביגדור. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10. פון ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד.
זייט 11. [illegible]
זייט 12. שלוסען פון זייט 1.

אונזער יוניטי הויז אין פארעסט פארק וועט זיך עפענען מיט א גרויסארטיגען קאנצערט

יוניטי הויז קאמיטע שטעלט איין א ראדיא פון בעסטען סארט. — נאך אנ־דערע נייאינקייטען ווערען איינגעשטעלט פאר די באקוועמליכקייט פון די באזוכער. — דער רעדזשיסטריישאן אפיס שוין אפען.

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז וועט זיך עפענען פרייטאג, דעם 18טען יוני, און ווי דער שטיינער איז, וועט צו דער געלעגענהייט דארט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנצערט, מיט באריהמ־טע טאלאנטען פון דער מוזיקאלישער וועלט.

צוויי פון די מוזיקאלישע קרעפטען קאנען מיר שוין אנאנסירען. די בא־וואוסטע סאפראנא זינגערין, מאדאם דא־רא באשאווער און דער באריהמטער קאנצערטינא שפילער, גרעגארי מאטוסע־וויטש. עס וועט אויך זיין א באריהמ־טער פיאניסט און נאך אנדערע. עס וועט אויך זיין א גוט־באקאנטער פארלעזער פון הומאריסטישע און אויך ערנסטע זא־כען.

אחוץ דעם וועט דער עולם גופא זיך באטייליגען אין כאר־געזאנג, אונ־טער דער פיהרערשאפט פון א מוזי־קער. אויך וועלען די „ברוקוואוד פלייערס", פון דעם ברוקוואוד ארביי־טער קאלעדזש, געבען אן אינטערעסאנ־טע דראמאטישע פארשטעלונג, און עס וועט זיין נאך און נאך, לויט דעם מנהג פון „אלא יוניטי"!

אין קורצען, עס וועט זיין לעבע־

(שלוס אויף זייט 12)

דעם זונטאג א הייק נאך האנטערס איילאנד.

דעם זונטאג, דעם 6טען יוני, א הייק נאך האנטערס איילאנד, ארגאניזירט פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל. נעהמט די איסט סייד סאבוויי ביז 125טע סטריט. דארט נעהמט דעם פעלהעם ביי לאקאל און פארט ביז דעם לעצטען סטאפ. זעהט איהר זאלט זיין אנקומען ארום 9.30 אין דער פריה. דער אנפיהרער פון דעם הייק וועט שוין ווארטען אויף אייך ווארטען. קומט אין צייט. נעהמט מיט עסען, און טוט אן בעקוועמע קליידער און נידעריגע שיך.

פינאנציעלער רעפארט פון ניו יארקער דרעס־מאכער יוניאן, לאקאל 22

די איינגאהמען און אויסגאבען, פון דעם 1טען אקטאבער 1925 ביז דעם 31טען מארטש, 1926.

באלאנס אקטאבער 1, 1925 —	$ 4,835.53
איינגאהמע:	
דיוס, 121,391 צו 35 סענט —	42,556.85
דיוס, 109,272 צו 50 סענט —	54,636.00
ביבער — — — — — — —	50.95
לאקאל פאנד — — — — —	9,282.00
לאקאל ארגאניזיישאן טעקס —	7,197.00
קראנקען בענעפיט אסעסמענט —	19,158.25
שיקאגא אסעסמענט — — —	50.50
1925 אינטערנייש. אסעסמענט —	5,915.50
דזשאינט באארד 1926 טעקס (20 דאלער) — — — — —	19,650.00
לאקאל 122, אלטער טעקס — —	2.50
איניציאיישאן פי — — — —	11,972.00
שטראפען — — — — — —	810.00
שטראפען פאר ניט אטענדען צו מיטינגען — — — — —	56.00
שטראפען פאר 1924, געקראגען פון דזשאינט באארד — —	1,382.50
מעדיקאל עקזאמיניישאנס — —	2,236.00
לעגאל סורוויס — — — — —	12.89
בילדינג עקספענס, אומגעקערט	170.00
אינט. אויף לאאנס, אומגעקערט	113.33
קאנווענשאן עקספ., אומגעקערט	250.00
אינטערעסט אויף באנדס:	
וועסט דיזינפעקטינג קא. —	60.00
אמעריקאן טעל. און טעל. —	25.00
קענזע סיטי טעמ. רעילוויי	100.00
ראלעי און סאוטפארט ר'לוויי	50.00
אדאמס עקספרעס קא. — —	10.00
אטלאס פליוואוד קארפ. —	32.50
ראאנאק וואטער ווארקס —	50.00
סענטראל פאסיפיק רעילוויי	125.00
סיבארד על פלארידא ר'לוויי	150.00
מאנאנגאהעלא וועסט פען. פוב. סורוויס — — —	275.00
האדסאן און מאנה. רעילוויי	45.00
קענזעס און אקלא. געז קא.	90.60
טשעק אקאונט — — — —	62.51
פורסעל מיטינג, טיקעטס —	50.00
קאל. פאר פאסייקער סטרייקערס	994.00
דזשאינט עקשאן קאמיטע — —	5,038.47
לאאנס אומקערענדע, א. ל. ג. וו. י. — — — — — — —	10,000.00
צייטווייליגע רעסיטס — — —	34,782.05
פון דזשאינט באארד, אויפ'ן רעכענונג פון קאלעקשאנס —	23,691.10
נאטס צו אינט. יוניאן באנק —	25,000.00
טאטאל איינגאהמע — — —	$276,137.90
צוזאמען מיט'ן באלאנס —	$280,973.43
אויסגאבען:	
דיוס צו דער אינטערניישאנאל	$ 42,600.00
מיינער אסעסמ. צו אינטערנייש.	3,500.00
שיקאגא אסעסמ. צו אינטערנייש.	5,304.00
1925 אסעסמ. צו אינטערנייש.	6,846.00
דזשאינט באארד, עקספענס —	45,573.60
דזשאינט באארד, ביזנעס אייגענטס סאלארים — — —	3,500.00
דזשאינט באארד, 1925 טעקס —	17,000.00
דיוס צו צענטראלע קערפערש.	361.50
סאלארים — — — — — —	11,714.07
אויסגעלעגט צום בילדינג —	13,050.00
רענט פאר האלס — — — —	1,377.50
פרינטינג — — — — — —	1,964.50
סטיישאנערי — — — — —	230.49
פאסטיידזש — — — — —	2,107.32
טעלעפאן און טעלעגראמעס —	372.85
וואסער, אייז, האנטוכער —	108.30
אדווערטייזמענטס — — —	1,208.02
באהייצונג און באלייכטונג —	362.60
אינשורענס — — — — —	138.63
קליפינגס — — — — — —	57.00
קארפעיר — — — — — —	18.20
בלומען — — — — — —	35.00
רענט פאר וואולט — — —	41.65
אינטערעסט אויף לאאנס — —	570.92
בילדינג עקספענס — — —	273.52
קלינינג — — — — — —	42.27
רעפעירס — — — — — —	32.15
פארניטשור און פיקסטשורס —	14.76
טייפרייטער — — — — —	132.50
אפיס עקספענס — — — —	95.92
ביזנעס אייגענטס סאלארים —	16,533.50
שאפ דעלעגאטען — — — —	31.15
פארלוסט פון צייט — — —	43.50
עלעקשאן עקספענס — — —	315.35
לעגאל סורוויס — — — —	100.00
פיונעראל עקספענס — — —	100.06
ארגאניזאציאנס עקספענס — —	277.26
קאנווענשאן עקספענס — —	2,919.68
סטרייק רעליף — — — —	1,203.00
דאנאציאנס צו ארגאניזאציעס —	1,854.80
שמיצע צו איינצעלנע — —	305.00
פרעזענטען — — — — —	176.00
אומגעקערט פאר:	
דיוס — — — — — — —	82.58
שטראפען — — — — — —	610.44
מעדיקאל עקזאמיניישאנס —	7.00
קראנקען בענעפיט אסעסמענט	1.40
אונטערשייד אין דיוס — —	398.65
פורסעל מיטינג, טיקעטס — —	50.00
קאל. פאר פאסייקער סטרייקערס	287.00

לאאנס געגעבען צו:	
לאקאל 41 — — — — — —	500.00
לאקאל 45 — — — — — —	350.00
לאק. 55 (ניט. גארמ. ווארק.)	100.00
ד. מאסקאוויטש — — — —	15.00
י. גרינשפאן — — — — —	25.00
דזש. באארד פאריערס יוניאן	25,000.00
קאמיטע עקספענס — — — —	109.99
סטענדינג קאמיטע עקספענס —	232.00
איינגעצאהלט פאר דער ווארקערס יוניטי הויז (מארטגיידזש און אינטערעסט) — — —	1,788.75
צייטווייליגע איינגאהמע — —	20,355.05
איינגעצאהלט ווידזשעס — —	1,605.46
צום קראנקען בענעפיט פאנד:	
אסעסמענטס — — — — —	19,269.40
מעדיקאל עקזאמיניישאנס —	328.00
באנדס געקויפט:	
נ. י. איוונינג דזשורנאל —	5,000.00
$5,000 טשיקאגא־ראק איילאנד פאס. קאסט — — — —	4,435.00
$5,000 סט. פאול־קענזעס סיטי שארט ליין — — — —	4,391.25
אינטערעסט אויף די אויבענדערמאנטע באנדס — — —	180.28
נאטס, אינט. יוניאן באנק —	10,000.00
טאטאל אויסגאבען — — —	$277,117.61
באלאנס מארטש 1, 1926 —	$ 3,855.82

באלאנס בויגען
לאקאל נומער 22, א. ל. ג. וו. י.
אקטאבער 1, 1925 — מארטש 31, 1926.

פארמעגען:	
אינט. יוניאן באנק, טשעק —	$ 3,855.82
סטאק און באנדס, קאסט פרייז:	
$20,600 אינט. יוניאן באנק	20,600.00
500 רוסיש־אמ. אינד. קארפ.	500.00
$5,000 נ. י. איוונינג דזשורנ.	5,000.00
$5,000 שיקאגא־ראק איילאנד און פאסיפיק — — — —	4,435.00
$5,000 סט. פאול־קענזעס סיטי שאר ליין — — — —	4,391.25
$2,000 וו. דיזינפעקטינג קא.	2,000.00
$1,000 אמער. טעל. און טעל.	964.00
$5,000 קענזעס סיטי טערמ. רעילוויי קא. — — — —	4,632.50
$5,000 סענטראל פאס. ר'לוויי	4,912.50
$5,000 סיבארד על פלארידא רעילוויי — — — — — —	4,925.00
$3,000 קענזעס־אקל. געז קא.	3,000.00
$2,000 ראאנאק וואט. ווארקס	1,860.00
$1,000 אטלאס פליוואוד קאר.	995.00
$2,000 האדסאן - מאנהעטען רעילוויי קא. — — — —	1,700.00
$500 אדאמס עקספרעס קא. —	390.00
$2,000 ראלעי און סאוטפארט רעילוויי קא. — — — —	1,850.00
$10,000 מאנאנגאהעלא וועסט פען. פוב. סורוויס קא. —	9,800.00
$74,600 יוניאן העלט סענטער	6,000.00
לאאנס און פאראויסגעגעבען	1,096.00
לאאנס צאהלבארע:	
דזש. באארד פאריערס יוניאן	25,000.00
לאקאל 41 — — — — — —	500.00
לאקאל 45 — — — — — —	350.00
לאקאל 55 (ניטעד גארמענטס)	100.00
דזשאינט עקשאן קאמיטע —	292.56
פאנדס אין אפעראציע:	
דזשאינט באארד — — — —	22,352.60
אפיס — — — — — — —	660.00

קומט פון ה. ג. וו. סענטער אינק. פאר פארטיס פארק פראפערטי, פרינטערעכענענדיג דעם שער פון לאקאל 35 ($4,250) —	51,750.00
*פארמעגען אין 16 וו. 21טע סט. איידער דער פארבעסערונג פאראויסגעגעבען $12,000.00 אויף פארבעסערונגען 18,050, פרינטערעכענענדיג באלאנס אויפ'ן מארטגיידזש, גענומען ביי דער דזש. קאמ. $8,500 בלייבט פארמעגען — — —	16,550.00
**קומט פון דזשאינט באארד אויפ'ן חשבון פון קאל. —	9,981.35
קומט פון דזשאינט באארד אויפ'ן חשבון קאל. ווידזשעס	1,505.46
סך־הכל פון פארמעגען (ניט רעכענענדיג פארניטשור און סטאק) — — — — — —	$211,149.04
שולדען:	
דזשאינט באארד:	
פראפארציאנעלער טייל אויסגעבען און סטרייק רעליף	$ 50,606.40
ביזנעס אייגענטס סאלארים	21,410.00
דזש. עקשאן קאמ. עקספענס	20,675.22
1926 טעקס — — — — —	2,650.00
פאראויסגעגעבען צו דער דזש. עקשאן קאמיטע — — —	59,868.19
שולדיג צום קראנקען פאנד:	
באנדס פארקויפט — — —	10,086.45
אסעסמענטס — — — — —	1,718.40
אפליקאנטס מעד. עקזאמינ. —	2,057.00
נאטס צו אינט. יוניאן באנק —	15,000.00
קאלעקש. פאר פאסייקער סטרייק	707.00
סך־הכל שולדען — — — —	$ 65,047.28

* דער פארמעגען אין 16 וועסט 21טע סטריט איז גערעכענט בלויז לויט דער סומע וואס איז איינגעצאהלט געווארען. איצט ווערט די פראפערטי געשאצט אין פיל מעהר.

** אין דיזער סומע איז ניט אריינגערעכענט קאלעקשאנס פאר מארטש, 1926.

דער רעפארט פון דעם אינטערנעשאנאל איסטערן ארגאניזא־ציאנס־דעפארטמענט

(שלוס פון זייט 7)

שאן אזוי לייבאר האט אנגעפאנגען צוויי־שען די פרויען־ארבייטער אין ניו דזשויר־זי סטייט. עס ווערט דארט אנגעוויזען, דאס דער איסטערן ארגאניזאציאנס־דע־פארטמענט האט זיך באלד געשטעלט אין פארבינדונג מיט דער באוועגונג פון דער א. פ. אוו ל., ווי אויך מיט די פארשטעהער פון דער ניו דזשוירזי סטייט פעדערייישאן אוו לייבאר, און דער רעזולטאט איז, דאס דער ארגאני־זאציאנס־קאמפיין פון דער א. פ. אוו ל. ווערט אויך אנגעפיהרט צווישען די ניט־ארגאניזירטע ארבייטער פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע אין ניו דזשוירזי סטייט, און מען קאן ערווארטען דאס עס זאל ברענגען גוטע רעזולטאטען פאר אונזער יוניאן.

רעדענדיג וועגען דעם „אוט אוו טאון דעפארטמענט", האט מען אויך גע־דארפט רעדען דערפון, ווי שווער עס קומט אן אויפצובויען די קליינע לא־קאל יוניאנס אין די אלע שטעדטלעך, און ווי נאך שווערער עס איז זיי אויפצו־האלטען, איינצוהאלטען זייער מעמבער־שיפ אין דער יוניאן. אבער מיר מו־זען עס לאזען פאר א צווייטען מאל, ביי אנאנדער געלעגענהייט.

רעדזשיסטרירט זיך איצט
3 וו. 16טע סט., 3טער פלאר

U N I T Y

אן אידעאלער וועקיישאן פלאץ פאר ארבייטער און זייערע פאמיליען און זאנסט אינטעליגענטע מענשען.

באלאנגט און ווערט פארוואל־טעט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

דער פלאץ עפענט זיך
פרייטאג, 18טען דזשון

א שפאציר אין די דרעס שעפער

(שלוס פון זייט 9)

ווערען. ער קען זיך אבער ניט שטענ־דיג ארומדרייען מיט דעם באס. אין ער לעצטען נאוועמבער טרייבער אין דער יוניאן און געבראכט א קאמפליינט, אז דער באס אנטזאגט זיך צו קויפען לייבעלס. אין דער יוניאן האט מען איהם דאן געזאגט, אז ער זאל איבערלאזען די קאנווענשאן, וועלכע האט דאמאלס געדארפט פארקומען. נאך דער קאנ־ווענשאן, האט מען איהם דערקלערט, וועט מען שוין נעהמען שריט דעם בעל הבית צו צווינגען צו קויפען און גע־ברויכען לייבעלס.

דער שאפ־טשערמאן האט עס מיר אליין געזאגט ווען איך בין דארט גע־ווען דעם לעצטען נאוועמבער. צי דאס איז באמת אזוי, קאן איך ניט גאראנ־טירען.

באזוכענדיג איצט דעם שאפ, האב איך ווידער געפונען אלע דרעסעס אהן לייבעלס. דער „לייבעל־דעפארטמענט" האט ערשט דעם 22טען אפריל פון דעם יאהר געשיקט א נייע קלאגע געגען דעם שאפ. ווי עס קוקט אויס, איז אבער גארניט געטאן געווארען דעם באס צו צווינגען נאכצוקומען זיין אפמאך מיט דער יוניאן צו געברויכען דעם לייבעל.

פארוואס איז דאס אזוי?

הילף פאר די פאריער און די פאסייק סטרייקער.

ווערטהער רעדאקטאר: —

מיר, די ארבייטער פון פרידמאן און פיינערס שאפ, 127 וועסט 26טע סטריט, ניו יארק, האבען באשלאסען צו שטיצען די פאריערס און אויך די סטרייקערס פון פאסייק מיט 50 דאלאר.

האפענטליך, אז איהר וועט דאס אפ־דרוקען אין דער „גערעכטיגקייט", פאר־בלייבען מיר מיט גרוס און אכטונג,

די קאמיטע:

שערמאן, דזש. קאהן, לאק. 2;
הערריי סאווענסקי, לואי הארן.

די לעצטע „הכח"־גיים דעם שבת אין „פאלא גראונדס"

דער פוס־באל־טים פון'ם וויגער אידי־שען ספארט־קלוב „הכח" גרייט זיך איצט צו דער לעצטער גיים, וואס ער וועט דא שפילען, איידער ער פארלאזט אמעריקע. אט די גיים וועט פארקומען דעם שבת, דעם 29טען מאי, 3 אזייגער נאכמי־טאג, אין „פאלא גראונדס".

אלע ארענדזשמענטס זיינען שוין גע־מאכט פאר דער דאזיגער גיים, וועלכע איז וויכטיג פאר דעם אידישען עולם, ניט בלויז דערפאר, ווייל דאס וועט זיין דער לעצטער אויפטריט פון די „הכח"־שפי־לער, איידער זיי פאהרען אפ צוריק קיין אייראפע, נאר זי איז אויך אן און פאר זיך באזונדערס אינטערעסאנט. דער „הכח"־טים וועט זיך דא ווידער טרעפען מיט א שטארקען געגנער, צו וועמען ער האט ביי א פריהערדיגען שטרייט פארלארען. דאס איז דער טים פון די „ניו יארק דזשיי־ענטס" וואס האט אנטייל גענומען אין דער גיים געגען די אידישע פוס־באל־שפילער דעם 1טען מאי, געווינענדיג, צוזאמען מיט „אינדיאנא פלארינג", „געגען הכח" מיט 3 צו 0. די קומענדע „הכח"־גיים מיט די „דזשייענטס" איז אלזא אין א געוויסער הינזיכט א „טשאלענדזש", וואס די אידי־שע פוס־באל־שפילער מאכען איצט דעם ניו יארקער טים.

דערצו קומט נאך צו דער פאקט, וואס די „דזשייענטס" האבען מיט א פאר וואו־כען צוריק געהאט א גלענצענדען זיג אי־בער די „בעטלעהעם"־שפילער, די טשעמ־פיאנס פון סאקער פוטבאל אין אמעריקע, געווינענדיג א גיים געגען „בעטלעהעם" מיט 9 צו 3.

דאס אלעס גיט דעם לעצטען אויפ־טריט פון „הכח" געגען די „דזשייענטס" א זעהר וויכטיגען כאראקטער, און די צעהנדלינגע טויזענטע, וואס האבען ביי־געוואוינט די ביז־איצטיגע „הכח"־גיימס, וועלען געוויס ערווארטען מיט שפאנענדען אינטערעס דעם אויסגאנג פון דער גרוי־סער גיים, שבת, דעם 29טען מאי, אין „פאלא גראונדס".

טיקעטס פאר דער דאזיגער גיים ווע־רען פארקויפט אין „הכח"־אפיס, 31 יו־ניאן־סקוועיר, רום 1307.

מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל באקומען טיקעטס צו האלבע פרייזען.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון הר. לואיס לעווין, און איהר וועט עס אלץ געוואר ווערן.